STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01258

# PASKARELA

## Giovanni Boccaccio

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Donna Sinetar & Stephen Weintraub*
*in honor of*
*their dear friends Robin & Roger Mummert*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייז 10 סענט.

# פאסקארעלא

בעארבייטעט נאך

## באקאטשיא

פון

## ד. מ. הערמאלין.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

תר"ם

דאס דריטע ווערק פון

# באקאטשיא

דיא

# צווייא פארלאך

וועט איבערראשען יעדען לעזער

## אללע געגנער פון באקאטשיא

האבען צוגעגעבען אז דאס בעסטע ווערק וואס דער גרויסער קלאססיקער האט געשריעבען איז

## דיא צווייא פארלאך

דאס איז א ווערק וואס ענטדעקט דעם לעזער א בארג סודות פון דער מענשליכער געזעלשאפט

## דיא צווייא פארלאך

איז בעארבייטעט אין אידיש פון דעם גרויסען שריפטשטעלער ד. מ. הערמאלין.

אללע וועלכע האבען געלעזען

## „מאדאם באבעטא“ און „פאסקארעלא“

וועלען אהנע צווייפעל קויפען און לעזען

## דיא צווייא פארלאך

באקאטשיא'ס ווערק קאסטען צו 10 סענט פער עקזעמפליאר.

פערלאג פון

## ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

THE AMERICAN HEBREW LIBRARY OF WHITESTONE, N.Y.



# פאסקארעלא

## 1

גראף אלססאנדרא בערטיני איז אלט געווען 17 יאהר, ווען ער איז געבליבען א יתום. זיין פאטער האט איהם איבער געלאזען א פערמעגען וואס איז גענוג גע־ווען צו ערנעהרען אין לוקסוס צעהן אזעלכע יתומים.

אלעססאנדרא האט גענאסען זיין ערציהונג אונטער דער שטרענגער בעאָב־אכטונג פון איין אלטען גייסטליכען, און ער האט זעהר ווייניג געוואוסט פון דער פרייער וועלט. אבער צו האלטען פערשלאסען א זינג־פויגעל אין א שטייגעל, איז נאך ניט קיין בעוואהרענונג אז דער פויגעל דארף דערפאר מעהר ניט זינגען.

ווען א מענש איז יונג, שטארק און געניסט אלע פערגניגענס צו פאלגען דעם קערפער דאן קומט דיא נאטור גאנץ אליין, און קלאפט איהם אויף דער פלייצע מיט דיא געהיימניספאלע ווערטער:

„יונגערמאן, דיא צייט איז געקומען צו ערפילען מיין וואונש".

דער יונגער מאן, ניט וויסענדיג ווארום, ווערט ער רויט דערזעהענדיג דיא נאקעטע ארעמס פון א פרוי; ער ציטערט אויף שפירענדיג א פרוי נעבען זיך, און ער ווערט אונרוהיג דענקענדיג איבער דיעזע אדער יענע פרוי.

ווארום איז דאס? פרעגט זיך דער יונגער מאן. דער רויש פון דער יוגענד, דאס קאכענדע און הייסע בלוט, לאזט איהם ניט פיעל נאכדענקען דאריבער, און ער טרייסט זיך וואהרשיינליך: מוז עס אזוי זיין. נאך מעהר מיט דער צייט געוועהנט ער זיך אזוי דערצו, דאס עס קומט בייא איהם פאר וויא אלע געוועהנליכע נאטור בעדערפניסע, וויא עססען טרינקען און שלאפען.

מען עסט ווייל מען איז הונגעריג; מען טרינקט ווייל מען איז דורשטיג און

מען שלאָפט, ווייל מען איז שלעפעריג. הונגעריג, דורשטיג און שלעפעריג איז מען, ווייל אזוי וויל דיא נאַטור, און אלע פראגען דאריבער הערען אויף.

מען ווערט אויפגערעגט בייא דעם ערבליקען פון א פרויען־צימער, ווייל עס ווילט זיך ליעבען, בעזיטצען און האבען א פרוי.

דיא מוטער, דער פאָטער, דער אַלטער ערציהער און דיא נאהענטע קרובים זיינען פיעל מאָל א הינדערניס צו דער ערפילונג פון דיעזער נאטור וואונש. ווארום דאָס איז וועל איך איבער לאזען פאר דיא פילאזאפען צום דערקלערען. אונטער־דעסען בלייבט עס א טהאטזאכע, אז דיא נאטור האט איינגעפלאנצט א געוויסען גראד שאנדע, ווען מען געפינט זיך אין דער געגענוואַרט פון אזעלכע פערזאנען.

ווען דיעזע פריינדע שטארבען אָבער אפּ, אָדער זייא דערווייטערן זיך אויף אירגענד איין אָרט, דאַן פערשווינדעט דיעזע שאנדע, און.... נאר צו וואָס זאָלען מיר דאָ פילאָזאָפירען? לאמיר בעסער צו געהען צו דער געשיכטע זעלבסט און בע־שרייבען דעם פאקט וויא ער איז.

דער יונגער גראף אַלעססאנדרא בערטיני האט זיך נאך געקוועהלט א גאנ־צעס יאָהר אונטער דער אויפזיכט פון זיינע קרובים און ערציהער. דאַן איז ער ער־קלעהרט געוואָרען אלעס פעראנטוואָרטליכער מענש און ער האט איבערנומען זיין גאנצעס פערמעגען.

אין דעם זעלבען טאָג וואס ער איז געוואָרען דער געזעטצליכער נאכפאלגער פון זיין פאָטער, האָט ער זיך שוין געצייגט אלס א שטרענגער בעל־הבית. ער האט זאָפאָרט ענטלאסען כמעט אַלע דיענער און דיענסטען וואס זיינען געקומען אין פאלאסט, און אויך דעם אַלטען גייסטליכען, זיין לעהרער האט ער ענטזאגט פון זיין שטעלע.

דער גייסטליכער, אַבוואָהל אין דיא עלטערע יאהרען, איז ער דאך געווען א וועלט־מענש, און ער האט בעגריפען אויף וואס פאר א וועג זיין שילער בעאבזיכטעט צו געהען.

„מיין קינד", האט ער צו איהם געזאגט. איך האָב דיך אימער מדריך גע־ווען בדרך הישר. איך האב דיך געלערנט חכמה מיט דרך־ארץ צוזאמען. יעצט ביזט דו פרייא צו טהאָן וואָס דוא ווילסט, ווייל דוא ביזט אליין בעל הבית. אבער ווייס, אז גאָט וואָס זיצט דאָרט, אויף'ן הימעל, האלט אימער זיינע אויגען בעריכ־טעט צו דער ערד און ער איז משגיח אויף זיינע ברואים. ווען דוא וועסט געהן בדרך הישר, וועסט דוא האבען דיעזע וועלט און אויך יענע. ווען דוא וועסט אָבער נאכגעהן דעם בליק פון דיינע אויגען און דיא לוסט פון דיין הארצען, וועסט

דוא פערליערעןביידע וועלטען. ענטשולדיג מיר, מיין קינד, וואס איך מוז דיר זאגען
אזעלכע הארטע ווערטער, אבער נאט וויים דעם אמת, אז דאס אלעס איז פון דיין
טובה וועגען. מה אנו מה חיינו? וואס איז גאר דער גאנצער מענש? א שטיק
ערד, א שטיק ליים. אט זעה מיך; איך בין אויך אמאל ג. ווען יונג, און איצט בין
איך אלט. גלויב מיר, אז דיא גאנצע וועלט איז א גאר נים. איך וויים בלויז אז
באלד וועל איך מוזען אפגעבען דין וחשבון פאר מיינע מעשים, און וועה איז מיר
ווען איך דערמאהן זיך אן דעם, איבערהויפט וועל איך דיך ווארנען פאר דיא
פרויען; זייא זיינען מכשפות, רוחות, וואס שלעפען אריין אין א בלאטע פון וואנען
עס איז שווער ארויס צו קומען".

בשעת דער אלטער גייסטליכער האט געשפראכען, האט איהם אלעססאנדרא
אויסגעהערט מיט דעם זעלבען רעספעקט וואס ער איז נעוואוינט געווארען זייט
דער צייט וואס ער איז געווארען זיין לעהרער. אבער דעם איינדרוק פון דיעזע
ווערטער האט מען באלד געקענט זעהן ווען דער אלטער איז ארויס. אלעססאנדרא
האט זיך הערצליך צולאכט און געמורמעלט:

„אלטע בהמה!"

2.

דעם יונגען גראף בערטיני'ס פאלאסט, איז געשטאנען אין מיטעלפונקט פון
ו ער שטאדט פלארענס, איטאליען. דאס הייסט אז אלעססאנדרא האט זיך נעפר
נען אין מיטעל פונקט" פון לעבען, פערגניגען און גענוס, אבער וויא עס שיינט
האט אלעססאנדרא געמאכט איין אויסגערעכענטען פלאן איבער דער צוקונפט פון
זיין לעבען, אנשטאט זיך צו בעגעגענען מיט זיינע פרומע קרובים, האט ער זייא
נאר אויסגעמיעדען, און זיין פרישע דיענערשאפט האט ערהאלטען דעם אויפטראג,
ניעמאנדען פון זייא אריינצולאזען.

ער האט זיך גענומען א גוטען קוכער אום צו צובראטען זיינע שפייזען, ווייל
ער האט זעהר ליעב געהאט גוט צו עסען. דאן האט ער אריין גענומען צווייא
גאווערנאנטקעס,ביידע זיינען געווען יונג און זעהר שעהן און יעדער האט זיך גע-
וואונדערט צו וואס אזא היבשער בחור בענעטהיגט נאך גאווערנאנטקעס.

דיא שכנים האבען חוזק געמאכט. איין שכן האט בעמערקט, אז דיא בלאנדע
גאווערנאנטקע וועט איהם וואהרשיינליך צוואגען אלע דיענסטאג און שבת, און

דיא ברונעטע גאווערנאנטקע, וועט איהם אפ־באָדען אלע מאנטאג און מיטוואך, איין אנדערער שבן האט גאָר געמאכט זעהר א מיאוס'ע בעמערקונג.

אָבער וועמען קימערט עס וואָס שלעכטע מייכער ווע͏לען רעדען? אלעססאנ־דראָ האט קיינעם קיין דעות ניט געזאגט וואס ער טהוט, און ער האט אויך גע־וואלט ניעמאנד זאל איהם א דעה זאגען. דיא גאווערנאנטקעס האט ער גוט בע־צאהלט פאר זייערע לייסטונגען, און ער האט זיך גאָר ניט געוויעזען אזוי קארג וויא זיין פאטער, וועלכער האט אימער ליעב געהאָט עפעס אפ צו דינגען בייא א דיענער אדער דיענסט.

יא, אלעססאנדרא איז געוועזן א ליבעראלער מענש און דערצו אויך ניט זעהר שטאָלץ. זא צום ביישפיעל, האט ער אָפט מאל גגעגעסען צוזאמען מיטביידע גאָווערנאנטקעס, געטרונקען וויין מיט זייא, געשפראָכען וויא מיט זיין גלייכען, און ער האט זייא ערלויבט, בעסער געזאגט געבעטען, זייא זאלען זיך פאר איהם ניט שעהמען.

וואס ווייס א גאווערנאנטקע פון חכמות? ווען מען ערלויבט צו זיין א קאָ־מעראד, ווען מען טרינקט א היבשע פאָרציע שפאנישען וויין און מען האט נאך דערצו ניט וואָס צו זארגען. ווען מען איז בייא אזא גוטען בעל־הבית, ערלויבט מען זיך שוין אלעס. אזוי האט עס אפטמאל פאסירט וואס דיא גאווערנאנטקעס הא־בען איבערכאפט דיא מאס נכייך מיט זייער בעל הבית און זייא האבען גאר פאר־געסען, אז זייא זיינען פרויענצימער מען האט געלאכט, געזונגען, דאן זיך אויסגע־צויגען כמעט אין גאנצען נאקעט, און צוזאמען וויא גוטע און ליעבע קינדער האט מען אזוי לאנג געטאנצט, ביז מען איז אניעדער געפאלען פערמאטערט אויף דיא בעטען.

אָט אזוי איז דאָס דיא יוגענד, מען ווערט אזוי שטארק פרעהליך, אז מען פערגעסט אן אלעמען וואס עס טהוט זיך.

דיא שמחה איז אפטמאל געווען אזוי גרויס, אז דיא בעטהייליגטע דאס הייסט, אלעססאנדרא מיט דיא גאווערנאנטקעס, האבען גאר ניט געוואוסט וואס עס געהט פאר ארום זייא, און דיא פרעכע דיענערשאפט האט זיך ערלויבט אויף זייא צו קוקען. נור וואס ווייסען פראסטע דיענער? איבעריגענס, וועמען קימערט עס? א פראסטער דיענער און א פראָסטע דיענסט, זיינען פשוט'ע בהמות, און ווער האט זיך עס צו שעהמען פאר א בהמה?

אזוי האט דער יונגער עדעל מאַן פערבראַכט היבשע עטליכע מאנאט מיט דיא גאָווערנאנטקעס, און וויא עס שיינט, איז ער ניט איבריג צופריעדען

געוועזן מיט זייא, דען ער האט זייא געוועקסעלט אויף נייע. מיט דער צייט, האבען שוין צוויי ניט געקלעקט צו ערפילען אלע נעטהיגע ארבייטען, און פיער זיינען אנגאזשירט געווארען.

גוטער ווייז און שעהנע פרויען האבען שטארק אמוזירט דעם יונגען מאן ביז צו זיין 22טעם יאהר, ווען דאס צו שטארקע לעבען האט איבער איהם געמאכט א גרויסען איינדרוק און ער איז קראנק געווארען.

---

## 3.

אלעס צופיעל, איז איבעריג. א גוטער מיטאג, איז א גוטע זאך; אבער צוויי גוטע מיטאגס אויף איינמאל, זיינען פיעל שעדליכער וויא גאר ניט צו עססען קיין מיטאג.

וויין און שעהנע פרויען בייא נאכט, דאן בייא טאג, און דאן ווידער בייא נאכט מאנאטען און יאהרען דורכאנאנד, איז צופיעל גוטעס אויף איינמאל און עס מוז שאדען.

ארמער אלעססאנדרא! וואס עס איז פון איהם געווארען! ער איז ארומ־געגאנגען מיט א בלאססעס געזיכט און גרויסע אפענע אויגען, וויא אין א חלום. ער האט זעלטען געשמייכעלט, געציטערט מיט זיינע צארטע הענד און געגצליך אויפ־געהערט צו עסען, דאנגעגען אבער, האט ער פיעל געטרונקען.

דיא ערצטע האבען איהם געזאגט, אז אין פאל ער וועט נאך אזוי פארט־זעצען זיין לעבען וועט ער שטארבען.

יא, שטארבען איז א שלעכטע זאך, און דארט, אין קבר, שליעסט מען בע־קאנטשאפט מיט ווערים, וועלכע האבען שווארצע פיסקעס און גראבען זיך איין טיעף אין מענשליכען פלייש.

בררר! דאס איז שוידערהאפט! וויא פערלאזט מען דאס אזא הערליכע און שעהנע וועלט, מיט זיידענע קישענס און ווייכע פאטעלען, און מען לעגט זיך גלאט אריין אין א פינסטערע ערד? דאן, אויסער דעם, איז מען נאך מיט דער ערד אליין גאר ניט פערטיג, עס קומען צו געהן צוויי אדער מעהרערע שווארצע טייפלען, דיא שלוחים פון דעם שטן, יעדער האט הערנער אויפ׳ן קאפ, מיט א לאנגען עק צווישען דיא פיס, און זייא כאפען אויף דיא פלייצעס און פליהען אוועק.

דיעזע אבשייליכע טייפלען ברענגען ארונטער אין תהום פון דער ערד, וואו דער אלטער שטן איז דער מושל און איז זיך נוקם אן דיא ארעמע מענשען-קינ־דער. דארט אין גיהנום, ברענט איין אייביגעס פייער אונטער מיליאנען קופערנע קעסלען, און אין איינעם פון דיעזע קעסלען, וועט ער, ארמער גראף אלעססאנדרא בערטיני אריינגעווארפען ווערען. ער וועט זיך אזוי לאנג קאכען, ביז זיין נשמה וועט א ביסעל געלייטערט ווערען, דאן וועט מען איהם ארויסכאפען, אריין ווארפען אין א בארג שנעע, ער זאל זיך אביסעל אפקיהלען.

נאכדעם קומען ערשט א לאנגע רייהע אנדערע גרויסע צרות, און דאס קען דויערן אפילו הונדערטער יאהרען דורכאנאנד.

מען דארף דאך זיין צו דום אז פאר עטליכע סעקונדען פערגניגען, זאל מען זיך פערלירען „יענע וועלט", מען דארף דאך זיין זעהר נארריש, אז פאר א ביסעל רייץ, זאל מען האבען אזא ביטערן שווארצען סוף.

עס מוז נעהמען א סוף! האט דער יונגער גראף בעשלאסען, און ער האט שנעל וויעדער געענדערט זיין לעבענס-פראגראם. ער האט אפגעשאפט די גאוואר־נאנטקעס, געהייסען פערשליסען דיא וויין-קעלערן, געלאזט רופען זיין אלטען ער־ציהער, דעם פרומען גייסטליכען, און ער האט אנגעפאנגען א לעבען פון געבעטע, תעניתים, חרטה, און צדקה פאר דיא הייליגע קלויסטערס.

נאך פערלויף פון זעקס מאנאט צייט, האט דער יונגער גראף זיך געזעהן וויעדער פערענדערט. ער איז געווארען געזינטער, מונטער און פרעהליכער. ער האט אלזא גאט געדאנקט פאר דיא חסדים וואס ער האט מיט איהם געטהאן און אייגעזעהן, אז עס איז גוט צו געהן בדרך הישר.

---

## 4.

אלעססאנדרא האט זיך זעהר געפרייט, ווען ער האט זיך געזעהן געראטעט פון א יונגען טויט און פון א פערצווייפעלטעס לעבען. אבער דער מענש, וועלכער איז ניט מעהר וויא א בשר ודם, ווען ער איז וויעדער געזונד, פאדערט פון איהם נאך א מאל דער יצר הרע, ער זאל זיך צוריק קעהרען צו יענע וועגען, וועלכע הא־בען איהם פערשאפט פערגניגען.

אלעסאנדרא האט מעהרערע מאל, וויא א העלד פערשטויסען פון זיך דיעזע געדאנקען, אבער נאך א שווערען קאמפף, האט ער זיך געמוזט אין א טאג מודה

זיין, אז ער קען שוין מעהר ניט קעמפפען און ער וועט מוזען פריהער אדער שפעטער פאַלגען.

„נאר", האט ער זיך געטראכט, „איך וועל שוין מעהר ניט זיין אזוי דום, איך וועל אלעס טהאן מיט שכל, כדי עס זאל מיר ניט שאדען, איין גאווערנאנטקע איז אויך גענוג".

דער חשבון איז געווען א גאנץ ריכטיגער, נאר נאך אלעמען, איז דאס א גרויסע עבירה און ער איז געבליבען פערצווייפעלט.

אין איין אבענד האט ער צו זיך געלאזט רופען דעם אלטען גייסטליכען, און מיט טרעהרען אין זיינע אויגען האט ער איהם דערציילט וויא שווער עס איז איהם ווייטער צו קעמפפען מיט דעם יצר הרע.

דער אלטער גייסטליכער האט איהם אנגענומען בייא דער האנד און גע־מורמעלט.

„שטארק זיך, מיין זוהן, גאט וועט העלפען".

— איך האב שוין אלעס מעגליכע אנגעווענדעט", האט אלעססאנדרא גע־ענטפערט, „אבער עס העלפט מיר ניט".

— פרוביר ווייטער, האט דער אלטער הייליגער מאן געזאגט.

זייא האבען געשפראכען א היבשע צייט, און עס איז געבליבען, דאס אלעס־סאנדרא זאל זיך ארויס ציהען אויף זיין גוט נעבען פלארענס, וואו זיין פאטער האט געבויט א קליינע קירכע, און זייענדיג דערווייטערט פון זינדיגע מענשען, וועט איהם גאט העלפען.

אלעססאנדרא איז געווען בערייט צו אלעמען, און ער האט געפאלגט.

אבער מיט איהם האט פאַסירט דאס זעלבע וויא מיט א געוויסען פאטער און א זוהן. א פאטער האט זעהר געוואלט זיין זוהן זאל פערבלייבען אונשולדיג און ניט וויסען אפילו וואס א פרויענצימער איז. צו דיעזען צוועק האט ער איהם געהאל־טען פערשפארט ביז צום 18טען יאהר אונטער דער געזעלשאפט פון מענער, וואו מען האט אפילו ניט געטארט דאכטען איבער קיין פרויען, ויהי היום, האט ער ענדליך דעם זוהן פון דארט ארויס גענומען, אלס דער יונגער מאן האט צום ערש־טען מאל ערבליקט פרויענצימער, האט ער געפרעגט דעם פאטער :

— וואס איז דאס ?

— א גאנז, האט דער פאטער געענטפערט.

מיט א קורצער צייט שפעטער, איז דער זוהן געקומען צום פאטער, און מיט איין אונשולדיגער מינע האט ער געזאגט :

„אָ פאטער, עס געוועלט מיך".

דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט אלעססאנדרא'ן. אוננעאכטעט דארויף וואס ער האט געלעבט אין דער ווילא פון זיין גוט, האט ער אבער דאך נאך געזעהן דאָרט פרויענצימער, און דאס האט איהם ניט געלאזט רוהען.

איבערהויפט האט אויף איהם געמאכט א טיעפען איינדרוק דיא טאכטער פון זיין אויפזעהר א 15-יאהריגע בתולה, מיט דעם נאמען פאסקארעלא, וועלכע איז געוועזען א בעריהמטע שעהנהייט.

פאסקארעלא האט בערויבט זיין שלאף ביי נאכט און זיין רוהע ביי טאג. אלעססאנדרא האט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען און ער האט זיך ווידער גע־ווענדעט צו זיין ערציהער, וועלכען ער האט אויסדערצעהלט זיין הארץ.

דער אלטער איז ניט געוועזען קיין נאר, ער האט געזעהן, אז אלעססאנדרא ליעבט ווירקליך דאס שעהנע מעדכען און ער האט איהם געראטהען, ער זאל חתונה האבען.

דיא הייראטה איז ערלויבט פון גאָט. האט דער הייליגער מאן געזאגט און ווען מענשען קענען אנדערש ניט לעבען, דאן מוז עס אזוי זיין. דער הייליגער אפּאָסטעל פאול האט אויך געהייסען הייראטהען, ווען מען קען ניט פערבלייבען קיין בחור.

אין פיער וואכען ארום, האט גראף אלעססאנדרא בערטיני איבערראשט אלע זיינע פראמינענטע פריינדע, דאמיט וואס ער האט געהייראטעט דיא ארמע, אבער זעהר שעהנע פאסקארעלא.

---

## 5.

פאסקארעלא איז געוועזען א מערקווירדיגעס פרויענצימער, אבוואהל נאר 15 יאהר אלט, איז זיא שוין געוועזען פאלקאמען ענטוויקעלט און אין איהרע שווארצע אויגען האט זיך געשפּיעגעלט דער בלויער און טרוימערישער איטאליענישער הימעל.

זיא האט געהאט א מערקווירדיג שעהנעס געזיכט, אבער עס האט אויך אויסגע־זעהן א ביסעל קינדיש פאר א פערהייראטעטע פרוי.

„נאר דאס מאכט ניט אויס", האבען איהרע בעקאנטע און חבר'טעס גע־זאגט. אז מען האט חתונה און מען ברייננט א פאאר קינדער אויף דער וועלט ווערט מען שוין א פאלקאמענע פרוי.

פאסקארעלא זעלבסט, אין איהרע געפיהלע, האט גאנץ גוט בעגריפען וואס פאר א גליק זיא האט עררייכט. א קליינינגקייט, צו זיין דיא פרוי פון גראף אלעססאנדרא בערטיני איז ניט קיין שפיעלבעל, און מיט רעכט האבען אלע מיידלעך פון דער אומגעגענד זיא מקנא געווען. דאן האט זיא אויך גלאט געליעבט דעם יונגען גראף, ווייל נאך אלעמען איז ער געווען א וואונדער שעהנער מאן, און זיין אויסגעלאסענהייט האט צוריק געלאזען א מין בלייבע פארב אויף זיין געזיכט, וואס פרויען האבען ליעב צו זעהן אין מענער.

ווארום דאס איז, קען מען ניט אזוי לייכט בעאנטווארטען, ווייל פרויען־קאפריזען זיינען ניט צום ערקלערען, אפילו דורך גרויסע פילאזאפען.

יא דיא יונגע און שעהנע פאסקארעלא, האט געליעבט דעם יונגען גראף, מיט דער גאנצער ליעבע וואס אזא יונגעס הערץ קען בעזיצען. דיא יונגע בלום האט געזויגען דיא זאפט פון זיין ליעבע גראדע וויא — ענטשולדיג מיר לעזער, איך מוז דא ערקלערען וואס איך מיין.

האסטו אמאל שוין אבגעריסען א רויז פון איהר צווייגעל? יא? דאן גלויב איך, האסטו אויך פרובירט דיעזע רויז אריינצושטעלען אין א כלי מיט וואסער אום אין איהר אויפצוהאלטען דאס לעבען. קוק דיך אבער נור גוט צו, וועסטו זעהן וויא דיעזע רויז, נאכ'ן אברייסען, באלד אין וואסער, וועט אין דער ערשטער צייט צייגען נאך לעבהאפטערע פארבען וויא פריהער ווען זיא איז געווען אויף איהר צווייג. דאס דויערט אזוי לאנג, ביז דיא ארעמע רויז דערשפירט דעם שמערץ פון איהר וואונד, און דאן פאנגט זיא אן צו וויאנען און וועלקען ביז — ביז זיא שטארבט.

מיט פאסקארעלא'ן האט עטוואס עהנליכעס פאסירט. זיא איז געווען א יונגע רויז, פריה אבגעריסען פון איהר מעדכענשאפט און אום ווייטער צו בליהען, האט מען זיא פארלויפיג געפפלעגט און געשפייזט מיט דאס שעהנסטע און בעסטע, ביז זיא האט דערשפירט דעם שמערץ פון דער הייראטה, און זיא האט בעריהעט אויף איהר שריט.

ניט נאר איינמאל פלעגט דיא שעהנע פאסקארעלא בלייבען זיצען אזוי פערטראכט און נאכדענקען איבער איהר שיקזאל. דאן האט זיא געזאגט צו זיך אליין:

„אך! וויא איך וואלט וועלען ליעבען דיעזען אלעססאנדרא! איהם אומארמען, דריקען צו מיין ברוסט, האלזען און קוסען, נאר.... אט דיזע הייראטה, דיעזע צוזאמענקונפט....“

פאסקארעלא האט זיך דערמאָנט וויא אזוי דער גראף האט זיא געמארטערט און געפלאגט, און ער האט דאס אנגערופען ליעבע.

יא, דאס איז טאקי ליעבע, אבער עס האט נאך ניט געפאסט פאר פאסקא־רעלא'ן. זיא איז געווען צו יונג, צו צארט און איהרע גליעדער האבען זיך צופיעל בעשעפטיגט מיט ארבייט, אום דער געשלעכטליכער רייץ זאל זיך אזוי פריה בייא איהר ערוועקען.

עס איז אלזא קיין וואונדער ווען פאסקארעלאן זעלבסט איז דיא חתונה ניט געפעהלען געווארען, אין איהר אונשולד, האט זיא ניט נאר איינמאל פערדאמט דיא גאנצע הייראטה.

„ניין, איך גלויב ניט! — האט זיא אָפטמאָל צו זיך אויסגעשריען — אז די הייראטה איז א נויטהיגע זאך. דאס איז עפעס איין אויסגעטראכטער מנהג פון שלעכטע מענשען.“

זיא האט אויף אלעמען בעשטאַנען: זיך צו רופען גרעפין בערטיני, געהן שעהן געקליידעט, גוט עסען, גוט טרינקען, אכטען, שעצען, ליעבען און זאגאר שלאָפען אויף איין בעט מיט דעם שעהנעם גראף, אבער.... ניט ווייטער. דאס האט זיא פערבטעט, געהאסט און געעקעלט.

ארמע פאסקארעלא! דאס אליין איז אבער נאך ניט גענוג געווען, און עס זעהט אויס, אז עס איז איהר שוין בעשערט געווען נאך אונגליקליכער צו זיין. אין א גאנץ פריה האט זיא ערוואכט פון שלאף מיט א שרעקליכען איבעל אויפ'ן הארץ, און האט דאן אזוי לאנג געבראָכען, דאס שפעטער, לויט איהר ערקלעהרונג האט זיא „אויסגעבראכען איהר גאל“.

דאן האט זיא געשפירט איין איבעל און איין עקעל צו אלע שפייזען. איהר הארץ איז געווען וויא צוזאמענגעדריקט, און לימענעס, עססיק, ציבעלעס און אנ־דערע שארפע מאכלים, זיינען געווארען איהרע איינציגע שפייזען.

זיא האט ניט געוואוסט וואס דאס בעדייטעט, ביז מען האט איהר אנגע־זאגט דיא בשורה, אז זיא שוואַנגערט.

א שוידער איז ביי דיעזע ווערטער דורכגעלאָפען איבער איהר גאנצעס לייב.

„שוואנגערן! וואס איז דאס?“ האט זיא זיך געפרעגט.

דאן האט זיא זיך דערמאנט אן פיעלע איינצעלהייטען וואס זיא האט אמאָל געהערט דאריבער, און איהר יונגעס לעבען איז איהר געווארען צו לאסט.

זיא האט געוואוסט, אז זיא וועט מוזען געבוירען א קינד, און דער פראָצעס פון דער געבורט האט זיא געעקעלט און געשווידערט.

איהרע פוכע באקען זיינען איינגעפאלען, איהרע שעהנע אויגען האבען פער־לאָרען דעם גלאנץ און איהר קערפער האט אנגענומען אזא פאָרמע, וואס זיא זעלבסט האט געהאסט.

דיא ליעבע פון דעם יונגען גראף האט זיך דאדורך אביסעל אבגעקיהלט און דאס האט אריינגעבראכט נאך מעהר קריינקונג אין איהר יונגע זעעלע.

---

6.

אליין, איינזאם און צוריקגעצויגען האט פאסקארעלא פערבראכט איהרע טעג און נעכט אין געוויין און געבעט.

זיא האט געוויינט און געבעטען, גאט זאל איהר העלפען זיא זאל בלייבען לעבען נאך דער געבורט פון איהר קינד; זיא האט געקלאגט נאך איהרע זאָרג־לאָזע מעדכען־יאהרען, און זיא האט געיאָמערט נאך דיא פערלאָרענע ליעבע פון דעם יונגען גראף, וועלכען זיא האט אנגעפאנגען נאך ליעבער צו האבען, וואס מעהר ער האט זיך פון איהר דערוויטערט.

זיא האט זיך פערטרויט פאר איהרע איין אלטע דיענסט פרוי, און דיעזע האט זיא אויסגעלאכט.

— געה שוין, געה, ביזט א נארר! האט דיא אלטע פרוי געזאגט. — אזוי איז עס מיט אלע יונגע מיידלאך וואס האבען חתונה. מען געוואָהנט זיך אבער דאצו, און דאן איז מען גליקליך.

זיך געוואָהנען און גליקליך זיין מיט אזא לעבען! דאס האט זיך פאסקארעלא נים געקענט פאָרשטעלען. זיא האט זיך בעקלאגט נאך פאר א בעקאנטע, און אלע האבען געלאכט.

דאן האט זיא געליטען און געשוויגען. זיא האט זיך זאגאר אביסעל געטרייסט מיט דער האָפנונג, אז שפעטער וועט בעסער ווערען, נור פאָרלויפיג האט זיא גע־שפירט, אז דער צושטאנד איז כמעט אונערטרעגליך.

„איבעריגענס — האט זיא אין א טאָג צו זיך אליין געזאָגט שפירענדיג גרויסע לייב־שמערצען — ווען איטליכער ליידעט, וועל איך אויך ליידען, איך בין דאך נים בעסער פון קיין אנדערע פרויען!

און זיא האט געליטען.

גראף אלעססאנדרא בערטיני פלעגט זיא אפילו אפט פרעגען ווארום זיא

איז אזוי בעטריבט, אבער עס איז נאר געווען אויס עטיקעטע, ווייל ער האט זעלטען געוואָרט אויף איין ענטפער. דאן האט פאסקארעלא זיך בעמיהט אויסצוזעהן מונ־טער און פרעהליך, ווייל זיא האט ניט געוואלט אויסגעלאכט ווערן.

אזוי איז פאראיבער מאנאט נאך מאנאט ביז דיא צייט פון דער געבורט האט זיך דערנעהנטערט.

פאסקארעלא, שפירענדיג אז באלד וועט זיא ווערן מוטער, איז זיא נאך מעהר אונרוהיג געווארען, און מיט דער איינבילדונג פון פיעלע פרויען, האט זיא זיך פארגעשטעלט, דאס ווען דער מאן, אדער דער פאטער פון איהר קינד, וועט דאמאלס שטעהען נעבען איהר, האלטען איהר האנד אדער קינד, וועלען דיא שמערצען קלענער זיין.

— אלעססאנדרא — האט זיא צו איהם געזאגט אין איין אבענד מיט א ציטערענדיג שטימע.

— יא, — האט ער געענטפערט.

— איך האב דיך געוואָלט עפעס בעטען.

— מיך ?

— יא.

— צום ביישפיעל ?

— איך וויל דוא זאָלסט מיר ניט ענטזאגען.

— וואס מיינסטו ?

— דוא זאלסט מיר פערשפרעכען צו ערפיללען מיין וואונש.

— ווען עס איז נור מעגליך וועל איך געוויס ערפיללען דיין וואונש.

— איך דאנק דיר, האט זיא געמורמעלט און איהם געקוסט, וויא מען קוסט א ברודער.

דאן האט איינגעטרעטען א פויזע.

מיט א פאָר סעקונדען שפעטער, האט זיא ארונטערגעלאזען איהרע אויגען צום פוס־באָדען און געזאגט :

— ווייסטו עפעס אלעססאנדרא, איך וועל באלד ווערען א מוטער.

— ווירקליך ?

— יא.

— אלזאָ ?

— וויל איך, דוא זאלסט ניט אוועקגעהן פון הויז.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— איך מיין, האט זיא געזאגט ציטערענד, דוא זאָלסט זיין נעבען מיר.

— וואס מיינסטו ?

— שטעהן נעבען מיר.

— צו וואס ?

— ווייל... ווייל... איך רעכען, אז איך וועל גרינגער האבען דאס קינד.

ווען זיא האט ארויסגערעדט דיזע ווערטער, איז איהר אראָפּ וויא א שטיין פון הארצען.

ער האט געשוויגען.

— ווערסטו זיין דערביי ? האט זיא וייטער געפרעגט.

— איך ווייס ניט צו וועלבען צוועק ?

— מיר דאַכט, אז איך וועל מוזען שטארבען, ווען דוא וועסט ניט זיין נעבען מיר.

— נאררישקייטען.

— עס איז מעגליך אז דאס איז נאררישקייטען, אבער דאָך....

ער האט איהר פערשפּראָכען.

---

## 7.

נאטירליך, ווען איין עהרענמאנן גיבט זיין וואָרט, דאן איז עס הייליג. צו בעהויפּטען אז גראף אלעססאנדרא בערטיני איז ניט געוועזן קיין עהרענמאן, וואלט געוועזן אוננערעכט, דען ער האט געהאט אויפצוציינען א גאנצען ספר־הדורות פון סאמע עדעללייט, און וועלכער עדעלמאן איז ניט קיין עהרענמאן ?

נאך מעהר, איך וועל אויך מודה זיין, אז בשעת ער האט פערשפּראָכען זיין פרוי צו זיין נעבען איהר בייא דער געבורט פון זיין קינד, האט ער עס אויך געמיינט. אבער דער זינדיגער מענש איז אימער אונטערוואָרפען נסיונות שוואַכקייטען, און דערפאר האט אלעססאנדרא ליידער ניט געקענט האלטען זיין וואָרט.

אין א נאכמיטאג איז צוגעקומען זיין פרוי׳ס קאמער־פרוי צו איהם און איהם געמעלדעט, אז פאסקארעלא רופט איהם.

אלעססאנדרא איז בלייך געווארען.

— וואס איז נייעס ? האט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט.

— אבער דאך ? וואס האט פאסירט ?

— זיא האט מיר געזאגט, אז זיא וועט אייך פערזענליך מיטטהיילען.

אלעססאנדרא האט אויך בעמערקט וויא מען האט גערופען א פאר פרויען און אנדערע מענשען זיינען געקומען.

ער האט פערשטאנען.

— זאג איהר, האט ער זיך געווענדעט צו דער קאמער-פרוי — אז מען האט מיך נאר וואס אוועקגערופען צו מיין פריינד בענעדיטא, און זאג שנעל וויא איך וועל פערטיג ווערן, וועל איך צוריקקעהרען און אריינגעהן אין איהר צימער.

אין נעכסטען אויגענבליק האט ער ארויסגעבראכט זיינע יאגד-הינט און איז אוועק צום שטאלמייסטער, וואו ער האט גענומען א פערד פאר זיך און פאר זיינעם א בעגלייטער און איז אוועק אויף דער יאגד.

וועהרענד אלעססאנדרא האט זיך געיאגט נאך א האז איבער דיא גרינע בערג, האט פאסקארעלא, בלאס און פערצווייפעלט, גערופען איהר מאנ'ס נאמען, און ערקלערט, אז אין פאל אלעססאנדרא קומט ניט, דאן וועט זיא שטארבען.

זיא האט געשריען, געוויינט, געבעטען און געליארמט, אבער עס האט איהר גאר ניט געהאלפען. אלעססאנדרא איז געווען אויף דער יאגד.

נאר אזוי וויא פיעלע פרויען, איבערהויפט ביי איין ערשטע געבורט, האבען מערקווירדיגע איינפעלע אדער איינבילדונגען און עס ווערט גאר ניט דערפון, אזוי האט אויך דיא ארמע פאסקארעלא אזוי לאנג געשריען „אלעססאנדרא", ביז זיא האט געבארען דאס קינד. דאן איז זיא געבליעבען ליעגען רוהיג און פול פערדרוס.

דערווייל האט אלעססאנדרא מונטער און פרעהליך פערפאלגט זיין יאגד און נאר פערגעסען אן דער גאנצער וועלט ארום זיך.

עס איז געווען איין אינטערעסאנטער מאמענט. אויף א שפיטץ בארג, האבען דיא הינט ארויסגעטריעבען א ווילדען שווין פון צווישען א געביש און אלעססאנדרא האט אנגעפאנגען צו אייכלען ער זאל געהענטער צוקומען, דאמיט ער זאל קענען מיט זיין שפיז לעבערן דיא חיה.

דער שווין איז געווען אונגעהייער גרויס און פון זיין מויל האבען ארויסגעשטעקט צוויי אונגעהייערע לאנגע ווייסע צייהן. אלעססאנדרא האט בעריהרט העפטיג זיין פערד מיט דיא שפארען און איז אין א מינוט ארום געווען נעבען דעם שווין. ער האט אויפגעהויבען זיין שפיז אום צו געבען דער היה איהר לעצטען

טויט-קלאפּ, אבער גראדע דאמאָלס האט דער שוויין געמאכט איין אומווענדונג, אויסגעקומען צווישען דעם פערד'ס פּיס, דאס פערד האט זיך פערטשעפּעט און וועלענדיג אבשפּרינגען אויף א זייט, איז דער רייטער מיט דעם פערד געפאלען און זיך דאן ארונטערגעקייקעלט אין טהאָל.ביידע זיינען געבליעבען ליעגען טויט. אלעססאנדרא'ס שארבען איז געווען צושמעטערט, און אזוי האט איהם זיין בעגלייטער אהיים געבראַכט.

---

## 8.

פאסקארעלא האט נאר ניט געקענט בעגרייפען וואס מיט איהר מאן איז געוואָרען. דיא נאכט איז געקומען, דאן איז דיא נאכט אוועק און אלעססאנדרא איז נאך אימער ניט ערשיענען. דער ארצט האט געזאָגט, אז אין פאל מען וויל ניט איינשטעלען איהר לעבען, זאָל מען איהר ניט דערצעהלען פון דעם וואס עס האָט פּאסירט ביז 5 אדער 6 טעג נאך דער געבורט.

מען האט איהר דערצעהלט, אז אלעססאנדרא איז אוועקגערופען געוואָרען אין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען נאך רוים, און דאס האט זיא טהיילווייז בערוהיגט.

ווען פאסקארעלא האט ענדליך ערפאהרען פון דעם אונגליק וואס עס האט פּאסירט, איז זי געווען אויסער זיך פאר שמערץ.

זיא האט געוויינט און געקלאָגט טעג מיט נעכט, און מען האט געמוזט האַלטען דעם קערפער ביז זיא וועט געזונד ווערן, דאמיט זיא זאָל איהם קענען בעגלייטען צו זיין לעצטער רוה.

דער איינדרוק אויף פאסקארעלא'ן איז געווען א מערקווירדיגער. פון איין זייט האט זיא געטרויערט אויף דעם טויט פון איהר פיעל געליעבטען מאן, און פון דער אנדערער זייט, האט עס זיא געפרעהט וואס זיא וועט מעהר קיין מאנן ניט האָבען.

אין איהר הארץ האט זיא אזוי געזאָגט:

„געערעכטער גאָט, וואס דוא טהוסט איז גוט. דוא ווייסט דעם אמת, וויא איך האס דאס פערהייראטע לעבען. איך וויל ניט מעהר דורכגעהן דעם עקעל צו פערקעהרען מיט א מאנן און איך וויל אויך ניט האבען נאך אמאָל דיא צרות פון א געבורט. דערפאר זאָג איך, אז דיינע מעשים זיינען גערעכט.“

פּאַסקאַרעלאַ האָט קיינעם ניט דערציילט אָדער אָבגעשילדערט איהרע געפיהלע, נאַר ביי זיך האָט זיא געפּאַסט איין אינטערעסאַנטען בעשלוס.

דער וואָס האָט אַמאָל געזאָגט „דער מענש טראַכט און גאָט לאַכט,“ איז איז ניט געוועזען קיין נאַרר. אָט האָט פּאַסקאַרעלאַ געטראַכט זעהר פיעל, אָבער גאָט האָט זיך פון איהר אויסגעלאַכט.

פּאַסקאַרעלאַ האָט בעשלאָסען ניעמאַלס מעהר אין לעבען צו הייראַטהען עס האָט איהר גענוגט דיא ערשטע הייראַטה, און דאָס איז געוועזען גענוג.

„ווען מיין מאַן וואָלט געלעבט, האָט זיא געזאָגט, וואָלט איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט וויא איהם צו ליעבען און מיט איהם פערברענגען אַ וועלט, אָבער אַזוי, אונטער דיעזע אומשטענדען, איז דאָס געוועזען מיין ערשטע און לעצטע חתונה. קיין אַנדער מאַן זאָל מעהר, כל זמן איך לעב בעריהרען מיין לייב. איך וועל לעבען און טראַכטען פאַר מיין קינד, פאַר מיין זוהן פּיליפּאָ. איך וועל איהם מדריך זיין בדרך הישר און איהם לערנען וויא צו דיענען גאָט און ווערען גאָט'ס דיענער אויף זיין גאַנצעס לעבען. ניין, אויך ער דאַרף ניט הייראַטהען. דער הייראַטה איז שמוטציג, אָבשייליך און געמיין.“

אַלזאָ, פּאַסקאַרעלאַ האָט בעשלאָסען צו מאַכען פון איהר זוהן אַ פרומען מאָנאַך, וואָס זאָל קיין מאָל ניט הייראַטהען. און זיא אַליין? זיא, נאַטירליך, וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבען.

און צו וועלכען צוועק זאָל זיא חתונה האָבען! — האָט זיא דען ניט גענאָסען דיא ביטערע ערפאַהרונג פון הייראַטהען? צו וועלכען צוועק זאָל זיא מאַכען אַזאַ צווייטען פאַלשען שריט.

אַלזאָ, דער בעשלוס פון פּאַסקאַרעלאַ'ן איז געוועזען, אַליין ניט צו הייראַטהען און פון איהר זוהן פּיליפּאָ צו מאַכען אַ מאָנאַך.

---

## 9.

אָבגעשלאָסען, אומרינגט פון הויכע וועגט, רעליגיעזע פרומקייט און אַ האַס צור הייראַטה וואָס שמערצט, האָט פּאַסקאַרעלאַ זיך פאַרגענומען אָבצולעבען דיא וועלט, און ווען מען מעגליך זאָגאַר קיינע מענער בעגעגנען.

איהרע געשעפטען האָט זיא איבערגעגעבען איהר פאַטער צום פערוואַלטען,

און געלאזען פלאנצען בוימער פון ביידע זייטען וואס פיהרען צום קלויסטער, דאמיט זיא זאל קענען אהין געהן און קומען ווען זיא וויל, אונגעשטערט פון דער נייגיערי־גער וועלט.

אין איהר האס צום פערהייראטען לעבען און אין איהר ליעבע צו דעם מאנן פון איהר יונגעס הערץ, איז זיא געפאלען אויף דיא קניע געגענאיבער דאס בילד פון דער הייליגער מוטער מאריא און מיט א געבראָכענער שטימע האט זיא אזוי געזאָגט:

„מוטער פון אלע ליידען און שמערצען! פאר דיר זיינען אָפען דיא מחשבות פון א מענשען. דו ווייסט יעצט וויא ביטער מיר איז אויף'ן הארצען. דו ווייסט אויך וויא וואהר און אויפריכטיג מיין ענטשלוס איז. דערפאר בעט איך דיך, גיב מיר כח צו דיענען גאָט אונגעשטערט און איך זאָל קענען אויספירען מיין וואונש. איך שווער, אין מיין גאנצעס לעבען ניעמאלס מעהר צו קענען א מאן אלס אזעלכען וואס זאָל מיך בעזיצען; איך שווער מיין קינד צו ערציהען אין ריינקייט, פרומקייט און גע־רעכטיגקייט און איהם מאכען פאר גאָט'ס אונבעפלעקטען דיענער. זיי דוא, מוטער גאָטעס מיין עדות, און העלף מיר, אָמן!"

פיליפאָ האט געוואקסען און געבליהט אונטער דעם איינפלוס פון זיין מוטער, וועלכע האט איהם צום אנפאנג זעלבסט גענעהרט, אבער נאכדעם וויא איהרע ברוסטען האבען ניט געקענט געבען גענוג מילך, האט זיא צוגענומען איין אממע אין הויז, וועלכע האט איהם אויסגעזויגען.

פאסקארעלא האט זיך זעלטען געוויעזען אויף דער גאס, און ווען זיא האט עס יא געטהאן, דאן איז עס געווען מייסטענטהיילס ביי נאכט, קיינער זאָל זיא ניט זעהן. זיא האט איבערהויפט געוואָרפען אזא מין שנאה צו אלע מענער, אז זיא האט זיך פאָרגעשטעלט א מאן מיט ניט פיעל וועניגער געמיינהייט וויא א טייפעל.

שטונדען לאנג האט זיא פערבראכט אויף איהרע קניען אין געוויין און גע־בעט צו גאָט און צו דער הייליגער מוטער מאריא, אז איהר זוהן, איהר פיליפאָ, זאָל ניט אויפוואקסען קיין מאנן וויא אנדערע מענער, און ער זאָל קיינמאל ניט פעראורזאכען קיין ליידען און שמערצען איין אונגליקליכער פרוי, וויא דער פאל איז געווען מיט איהר.

בייא פאסקארעלא'ן איז דיא הייראטה געווען פעררעכענט פאר א מארטער און א פלאגע, און פאָלגליך איין אנשיקענעס פון דעם טייפעל. איבערהויפט האט

זיא געלערנט אין דער רעליגיאָן, אז דער מענש ווערט געשאפפען און געבאָרען אין זינד, און פאָלגליך דארף יעדער עהרליבער פרומער מענש אויסמיידען דיעזע זינד מיט אלע מעגליכקייטען.

פיליפא, מערקווירדיגער ווייזע, האט ניט אויסגעזעהען אלס א קינד וואס איז בעשטימט געווארען צו פער'מיאוס'ען דיעזע זינדיגע וועלט. ער איז געווען פעט, מיט רויטע באקען, גלענצענדע אויגען, לעבהאפט און זעהר מונטער.

אלט ווערענדיג דרייא יאהר, האט ער געציינט, אז עס איז כמעט אונמעגליך איהם איינצוהאלטען אין דעם געפענגנים וואס זיין מוטער האט פאר איהם בע־שטימט. אין הויז האט ער בשום אופן ניט געוואלט זיטצען און ער איז פון פריה מארגען ביז שפעט אין דער נאכט ארום געלאפען אין גארטען, געקראכען אויף די בוימער און זיינע בעסטע קליידער איינגענעצט אין וואסער.

עס איז פאראיבער צווייא יאהר, און פאסקארעלא האט אנגעווענדעט אלעס מעגליכע צו בערוהיגען דיעזען ווילדען איינגעל, און עס איז איהר נור טהיילווייז גע־לונגען. דאן האט זיא געלאזט ברענגען איין עהרווירדיגען אלטען גייסטליכען, און איבערגעגעבען דעם יונגען פיליפאָ אין זיינע הענד, ער זאל איהם ערציהען אין דער שטרענגסטער רעליגיעזער פרומקייט.

---

## 10.

עס ווערט דערצעהלט, אז א נאטור־פאָרשער האט א מאל פּרובירט אָבצו־געוועהנען א פוקס פון זיין ווילדער און רויבערשער נאטור. ער האט צו דיעזען צוועק געבאפּט א קליין פיקסעל, א טאג אלט, איהם אריינגענומען צו זיך אין הויז, גענעהרט מיט קוה־מילך און איהם ערצויגען אין דער געזעלשאפט פון עופות, דאמיט ער זאל זיך צו געוועהנען, אז עופות זיינען קאמעראדען און ניט בעשטימט פיר זיין פוקסען בויך. דער פוקס איז אויפגעוואקסען, זיך געשפיעלט מיט דיא קינדער, הינט, עופות און קעטץ, ווי מיט קאמעראדען, און זיך געציינט אזוי מילד וויא א צארטעס שפּיעל הינטעל. מיט דער צייט האָבען אנגעפאנגען צו פעהלען פון הויז עופות. דער נאטור־פארשער האט פריהער בעשולדיגט זיינע שכנים, דאן א ווילדען פוקס פון וואלד, אבער דער סוף איז געווען אז ער האט אויסגעפונען, דאס זיין אייגענער שטילער און צארטער פוקס, איז דער עופות גנב.

עס העלפט ניט. דיא צייט ווען דיא נאטור פון דעם פוקס צו גנב'ענען און

פרעסען עופות האט געריכט, האט איהם קיין זאך מעהר געקענט צוריק האלטען פון דיעזער נייגונג.

ווען פאסקארעלא האט חתונה געהאט, איז זיא אלט געווען 15 יאהר; זיא איז נאך ניט געווען ענטוויקעלט און האט קיין פראוויזנציאנער געקענט הייסען. דיא צו פריהע הייראטה, האט אלזא אויף איהר געמאכט א שמערצליכען איינדרוק. אבער דיעזע צייט איז פאריבער און איהר צייטיגע יונגפרוישאפט האט געגרייכט. איהר קערפער האט אנגעפאנגען ברייטער און ענטוויקעלטער צו ווערען. איהרע ברוסטען זיינען געווארען פוכער, איהר בוזים דיקער איהר טאליע מאסיווער און איהר געזיכט שעהנער, לעבהאפטער און פרישער.

נאטירליך איהר רעליגיעזע פרומקייט און פעסטער ענטשלוס האט פערטריעבען יעדען געדאנק פון א מאן, אבער דיא נאטור האט געטהאן דאס איהריגע. זיא האט אויסגעפערטיגט פאסקארעלא'ן אין א שעהנע יונגע פרוי און האט ניט נור איינמאל בעשעפטיגט איהרע געדאנקען מיט אידעען וועגען מענער און נאטירליכען גענוס. אבער א געבעט פון איהר טיעפע ברוסט און פון איהר רייגעם הארץ, האט גלייך פעריאגט אזעלכע שלעכטע מחשבות.

פיליפא האט געוואקסען אונטער דעם איינפלוס פון דעם אלטען גייסטליכען און אונטער דעם איינפלוס פון איהר שטרענגער מאראלישער ערציהונג. מיט אלע מעגליכקייטען האט מען אונטערדריקט זיינע נארישע שטיפערייען, שפיכערייען און לעבהאפטיגקייט, ביז ער איז געווארען אונטערגעבען און צוגעוועהנט צו דיעזער ארט לעבען.

פיליפא האט געוואוסט אז דיא גאנצע וועלט איז טויט און פאר איהם לע־בען נור דיא היילינע ביבער, דיא געבעטע און דיא פערעהרונג פון זיין פרומע מוטער.

אויפשטעהענדיג און לייענדיג, האט ער זיך געזעהן ארומגערינגעלט מיט היילינע בילדער, און יעדער פרייער מאמענט האט געברויכט צוגעבראכט ווערען אין געבעט.

דאס האט אזוי וויט געווירקט אויף דעם אינגעל, אז ער זעלבסט האט אנגע־פאנגען צו בעטראכטען דיעזע וועלט אלס א מארטער און א פלאגע; דאס יעדער מענש איז פול מיט זינד, און דיא מינדסטע אבווענדונג פון דיא פארגעשריעבענע רעגעלען פון דער קירכע, פיהרען גלייך צום גיהנום, וואו מען קען פערפאלען ווע־רען אויף אייביג פאר א גאנץ קליינעם פערברעכען.

מאנכע מאל איז ער זעהר אין כעס געווען אויף גאט און אויף דיא היילינע

פאר זייערע שווערע אויפגאבען, אָבער דער גייסטליכער, זיין לעהרער, און זיין מוטער, האָבען איהם ניט נור איין מאָל געזאָגט :

„מיין קינד, אָט טאקי דערפאר, ווייל עס איז שווער נאכצוקומען אלע פאר־שריפטען׳ ווערט מען בעלוינט אויף יענער וועלט מיט דאָס שעהנסטע און בעסטע״.

זיין קינדישע נאטור האָט צייטענווייז געוואָלט פּראָטעסטירען, נור זאלאנג מען האט איהם ערקלערט, אז עס העלפט ניט, האָט ער געליטען און געשוויגען.

---

## 11.

ווען פיליפא איז אלט געוואָרען 13 יאהר, האט פאסקארעלא צוגענומען א הויז־מיידעל, פון א יאהר 16, אום אויפצוראמען דיא געלעגערס. דער נאמען פון דיעזער דיענסט איז געווען ביאנקא, און זיא האט געשטאמט פון א בענאכבארטעס דאָרף.

ביאנקא איז געווען פאלקאמען ענטוויקעלט לויט איהרע יאהרען, און איהרע רויטע, פרישע באקען, האָבען איהר צוגעגעבען א מערקווירדיגען חן. נאַטירליך האט זיא געמוזט זיין פרום, און זיא איז עס אויך געווען. זיא האט אימער אנטהייל גענומען מיט דעם גאנצען הויז געזינד בייא דיא געבעטע און אין זינען געהאט, אז גאט זאל לייטערן איהר נשמה פון דיא זינד וואס זיא האט נאך ניט בעגאנגען.

פיליפא האט ביז דאמאלס נאך ניט געהאט אזא יונגע פערזאן נעבען זיך, און עס איז אלזא קיין וואונדער ניט וואס ער האָט ביאנקאן ליעב בעקומען זיא איז אויך געווען יונג און מונטער, און ווען ער האָט געהאט א שטונדע פרייא, האט ער זיך מיט איהר געשפיעלט אויף׳ן גראז אין גאָרטען.

עס זיינען פאראיבער וואָכען און מאָנאטען; ביאנקא איז דערווייל נאך מעהר ענטוויקעלט געוואָרען און פיליפאָ האט אויך געוואקסען.

דיא ליעבע צווישען דיעזע צוויא יונגע מענשען, איז געווען וויא צווייא ברידער און שוועסטער. פאסקארעלא האָט זייא געזעהן זיך מעהרערע מאָל שפּיעלען צו־זאמען, און זיא האָט גאָר ניט דאגעגען געהאט.

אין געגענטהייל, זיא האט אנגעפאנגען א ביסעל מיטלייד צו האָבען מיט פיליפּאָ׳ן וועלכער איז אויפגעוואקסען וויא א ווילדער און קיין מאָל זיך ניט גע־שפּיעלט מיט קיין קינדער. זיא האָט זייא אלזא נאָך ערמונטערט צום אונטער־חלטם.

ביאנקא איז געוואָרען אזוי היימיש מיט פיליפאָן, אז זיא פלעגט גאנץ פריה אריין געהן אין זיין צימער און איהם אויף וועקען. מעהרערע מאָל, ווען ער האָט ניט געוואָלט אויפשטעהן, האָט זיא פון איהם ארונטער געשלעפּט דיא דעק. ווען דאָס האָט אויך ניט געווירקט, האָט זיא איהם אָנגעהויבען שלעפּען ביי א פוס פיליפּאָ האָט דאן געמוזט אויפשטעהען.

אונטערדעסען האָט פיליפּאָ געוואקסען וויא א סאָסנע־בוים, און ווען ער איז אכט געוואָרען 16 יאָהר, האָט ער אויסגעזעהן וויא א פאָלקאָמענער מאן אין גרויס־קייט, מיט דער אויסנאהמע פון זיין געזיכט, וואָס עס איז נאָך געבליעבען גלאַט און ניט בעוואקסען מיט האאר.

ביאנקא ווידער איז שוין געווען א מיידעל פון א יאָהר 18, איהר געזיכט איז געווען אויסער אָרענטליך ענטוויקעלט.

אין א גאנץ פריה עס איז געווען דאן דער טאג פיר דעם הייליגען אנדרעע, איז בעשטימט געוואָרען, דאָס יעדער זאָל געהן אין קירכע. פיליפּאָ איז נאָך גע־שלאָפען.

„געה ביאנקא", האָט פאסקארעלא געזאָגט, און וועק אויף דעם פויללענ־צער. עס איז שוין שפּעט".

ביאנקא איז געגאנגען אבער פיליפּא האט זעהר געשמאק געשלאפען. ווען ביאנקא איז אריינגעקומען און דערזעהן דעם יונגלינג פערזונקען אין דיא רוהיגע ארמס פון שלאף, איז זיא געבליבען שטעהן און איהם בעוואונדערט. דאן האט זיא זיך צוגעבויגען און איהם געוועקט.

„פיליפּא פיליפּאָ!" האט זיא געזאָגט, „שטעה אויף עס איז שוין שפּעט".

פיליפּאָ האט געעפענט זיינע אויגען, זיך אונגעקוקט, און דאן געמורמעלט:

— געה אוועק, לאָז מיך שלאָפען!

— שטעה אויף! האט ביאנקא געזאָגט לויפענדיג.

— איך וויל ניט

— דאן וועל איך ארונטער שלעפען דיא דעק.

— דוא וועסט עס ניט טאָן.

פיליפּא האט בייא דיזע ווערטער ארויפגעצויגען דיא דעק און זיך פעסט איינגעוויקעלט. ביאנקא איז צוגעגאנגען נעהענטער און געוואלט אנגעהמען דיא דעק. וועהרענד זיא האט זיך אריבער געבויגען איבער זיין קאפ, און איהרע ברוסטען האָבען בעריהרט זיין געזיכט.

דאס האט וויא אונטער געצונדען זיין גאנצעס לייב, ער האט אויסגעשטרעקט

זיינע הענד, זיא ארום געכאפּט און צוגעדריקט צו זיך, דאַן האָט ער אריין געדרוקט זיין האַנד אין איהר בוזים.

זיא האט ניט געוואוסט ווארום, אָבער דאָך איז זיא דערשראָקען געוואָרען און זיך אר.יסגעריסען. פיליפּא איז דאַן אליין אויפגעשמאַנען.

12

דיא געבעטע אין דער קירכע, זיינען אין יענעם טאָג ניט אזוי גלאַט וויא אימער צוגעגאנגען צווישען ביאנקא'ן און פיליפּאָן. ווען זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, זיינען זייא ביידע רויט געווארען.

ביאנקא איז געווען א קינד פון א וואהלהאבענדער בויערן פאמיליע, און איהרע עלטערן זיינען געווען זעהר פרומע. איידער זיא איז אוועק פון דער היים האָט איהר מוטער זיא צוגערופען און צו איהר געזאָגט:

„ביאנקא מיין קינד! דוא געהסט איצטער אין א פרעמדער הויז און אונטער פרעמדע מענשען. איך האב חלילה קיין נויט דיך אוועק צו שיקען, אָבער איך טהוע עס נור דערפאר, ווייל אין דער פרעמד לעהרענט מען מעהר וויא אין דארף וויא צו זיין א מענש מיט שכל. איך האב פיעל נאָכגעפרעגט איבער גרעפין בער-טיני, און מען האָט מיר געזאָגט, אז זיא איז א זעלטען פרומע פרוי, און איהר הויז איז צו גאט און צו לייט. דוא ביזט נאך א קינד, אָבער געדענק דוא וועסט עלטער ווערן און עס פאסירט מיט א מענשען פערשיעדענעס. געדענק, אז דאָס רייכטהום, פון א מעדכען, בעשטעהט אין איהר עהרליכקייט און פרומקייט. לאָז דיך ניט פערפיהרען פון שעהנע מענער מיט שעהנע און שמייכעלהאפטע ווערטער, ווען דוא וועסט מיר פאָלגען, וועט דיר זיין גוט און אונז דיינע עלטערן, וואויל".

נאָך'ן געבעט אין דער קירכע האָט מען געגעסען, און ביאנקא, נאכדעם וויא זיא איז פערטיג געוואָרען מיט איהר הויז-ארבייט, איז זיא וויא געוועהנליך, ארויס אין גארטען שפּאצירען.

דיא בעריהרונג פון פיליפּאָן, האָט אויף איהר געמאכט א דאָפּעלטען איינ-דרוק. פון איין זייט האט זיא געשפּיערט א ליעבענדע אנציהונג צו איהם, און פון דער אנדערער א שרעק פאר עפּעס אונגעוועהנליכעס און אונבעקאנטעס, איבער-הויפּט האט זיא זיך עראינערט אן איהר מוטערס ווערטער און דאס האָט אבגע-שוואכט איהרע ליעבעס-געפיהלע.

זיצענדיג אזוי פערטראכט, האט זיא פלוצלינג געשפיערט צוויי הענד ארומ־ג.. מ.נדיג איהר האלז און דאן אויך, א קוש פון צוויאווארעמע און ווייכע ליפען, אויף איהר באק. זיא האט אויפגעציטערט.

אומקוקענדיג זיך, האט זיא דערזעהען פיליפאָס יוגענדליכע און שעהנע געזיכט פאר איהרע אויגען.

— געה אוועק פיליפא, האָט זיא געזאגט.

— ווארום? האָט ער געפרעגט ערשטוינט.

— געה אוועק!

— וואס איז מיט דיר געשעהן?

— גאָר ניט.

— ווארום אלזאָ זאָל איך אוועק געהן?

— ווייל מען טאָר ניט.

— וואָס טאָר מען ניט?

— מיך קושען.

— ווער זאָגט עס?

— איך.

— ביזט א נאר!

— ניין.

— געה שוין, געה, ווער זאָגט עס, אז מען טאָר מיר ניט ליעב האָבען? האסט דוא ניט געהערט לעצטען זאָנטאג דעם גייסטליכען פרעדיגען, אז גאָט האט געהייסען אלע מענשען זאָלען זיך ליעבען? דאן האָט ער געזאָגט, אז גאָט אליין איז דיא ליעבע

— יאָ אבער!!! האט ביאנקא געמורמעלט.

— וואס אבער!

— ניט אזא ליעבע......

— וואס הייסט ניט אזא ליעבע? וועלכע דען ליעבע מיינט מען?

— דאָס הייסט, ניט דיא ליעבע צווישען א אינגעל מיט א מיידעל.... דאס איז איין עברה, גאָט שטראָפט דערפאר..... מען טאָר ניט....

פיליפא איז געבליעבען זיטצען און מיט זיינע גרויסע אויגען האט ער א היבשע צייט בעטראכטעט ביאנקא'ן. דאן האָט ער אָפגעווענדעט זיינע אויגען און ערבליקט צו דיא בלומען.

וואָס האָט זיא איהם געזאָגט? וואָרום טאָר מען ניט ליעב האבען א מיידעל? איז זיא דען ניט א מענש!

ער איז געזעסען א היבשע צייט פערטראכט, דאן האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועק.

---

## 13.

עס זיינען פאָריבער א פּאָאר וואָכען, און פיליפּא האָט אויסגעמיעדען צו בע־געגענען זיך מיט ביאנקא'ן. ער האָט אום קיינעם פרייז ניט בעגריפען וואָרום ער טהוט עס, און דאָך האט ער געשפּיערט עפּעס א געפיהל וואס האָט איהם גע־מאכט ער זאָל זיך שעהמען, טראָטץ דעם וואָס עס האט איהם צו איהר געצויגען.

בייא דער נאכט, ליעגענדיג אויף זיין געלעגער, האט ער ניט געקענט ארויס־לאָזען פון זיין פאַנטאזיע ביאנקא'ס בילד. ער האָט בעוואונדערט איהר פולען און הארטען בוזים, איהר ענטוויקעלטע ברוסט, איהרע ברייטע שולטער און איהר גאנצע פיגור. עפּעס האט זיך איהם געוואלט זיא אומארעמען האלטען נעבען זיך צוגע־דריקט און אזוי פערבלייבען וויא לאַנג אין א גליקליכער אומארמונג.

אין א נאכט שוין ניט קענענדיג מעהר אויסהאלטען פאַר בייגקענעס נאָך ביאנקא'ן, איז ער ארונטער פון זיין בעט, און מיט נאקעטע פיס, איז ער לאנגזאם ארויס פון זיין צימער און איז אריין אין קאָרידאָר.

ער האָט געוואוסט וואו ביאנקא שלאפט; דאָרט אין נעקסטען צימער ניט וויט פון דער טהיר אריין איז ער געגאנגען לאנגזאם און פארזיכטיג. ער האט זיך פאָרגעשטעלט וויא ער וועט טרעפען ביאנקא'ן שלאפענדיג, און אהנע זיא צו וועק־קען, וועט ער איהר אפּפרעסען א קוס אויף איהרע רויטע ליפּען, און דאן וועט ער ווידער צוריק געהען.

„ניט מעהר וויא איין קוש", האָט ער צו זיך אליין געמורמעלט.

ער איז צוגעגאנגען צו איהר טהיר, וועלכע איז געשטאנען א ביסעל אָפען. א קייכטער שטויס האט דיא טהיר נאך בעסער געעפענט.

דער עהל־לאָמפּ, נעבען דעם בילד פון דער היילינגער מוטער מאריא, האט א ביסעל בעלייכטעט דאָס צימער, און איינגעוויקעלט אין דיא שוואכע שטראהלען פון דעם לאמפּ, איז ביאנקא געלעגען אויף איהר בעט און געשלאפען גאנץ גע־שמאַק.

א העלפט פון איהר ברוסט איז נעווען אויפגעדעקט.

אך! וויא שעהן ביאנקא איז דאמאלס געווען! פיליפא האט געשפירט אונטערדעסען א קאלטען שוידער גראדע וויא אזעלכער וואס געהט גנב'ענען און האט מורא מען זאל איהם כאפען. ער איז אזוי געשטאנען א היבשע צייט דאן האט ער זיך צונעבויגען און איהר געגעבען א קוש.

נאר ער איז ניט ארויסגעגאנגען.

ווירקליך, עס איז איהם אונמעגליך געווען אוועק צו געהען און ניט בעריהרען איהר נאקעטע ברוסט. וויא שעהן דאס איז איהם פארגעקומען.

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד און בעריהרט איהר ווייסע און גלאטע הויט.

דאן האט ער זיך געזעצט.

ער האט אימער ווייטער און ווייטער געקוקט אויף ביאנקא'ן, און ער האט בעשלאסען, זאגאר ווען זיא זאל דערפון ערוואכען, אז ער מוז זיא אומארמען.

גערוישלאז האט ער זיך געלייגט נעבען איהר און זיא ארומגענומען. דאן האט ער זיא ווייטער געקוסט מיט דעם גאנצען פייער פון דער יוגענד.

ביאנקא האט ערוואכט אין איינע ציטערניש, און קוים וואס זיא האט ארויס געשטאמעלט:

— מיין גאט ווער איז דארט?

— שא, ביאנקא איך בין עס.

— ווער?

— איך פיליפא.

— וואס טהוסט דוא דא?

— גאר ניט.

אלס א צווייטען ענטפער, האט ער זיא ווייטער געהאלזט און געקושט.

ביאנקא האט געשוויגען.

אויך זיא האט ליעב געהאט דעם שעהנעם פיליפא און געשפירט א פערגעניגען פון זיין צערטליכעם אומארמונג.

שפעטער האט זיא שוואך פראטעסטירט.

— געה צוריק פיליפא.

— באלד באלד.

— וועה איז מיר, וואס וועל איך טהאן ווען מען וועט דיך דא געפינען?

— האב קיין מורא ניט.

אבענד נאך אבענד, פלעגט שוין פיליפא אויפפאסען, דאס אזוי וויא מען איז איינגעשלאפען, איז ער אריין אין ביאנקא׳ס צימער און זיך אוועק געלעגט אין איהר בעט. ער האט ניט נור איינמאל דארט אבגעשלאפען דיא גאנצע נאכט, און ענטוועדער ער זעלבסט האט ערוואכט. אדער זיא האט איהם אויפגעוועקט ער זאל צוריק געהען.

---

## 14.

זייער בעגעגנונג ביז דאמאלס, איז געווען א גאנץ אנשטענדיגע. פיליפא האט בלויז ליעב געהאט צו האבען ביאנקא׳ן אין זיין אומארמונג און ביאנקא וויענדיג א דערוואקסענעס מעדכען, האט ניט איינגעזעהן ווארום דאס זאל זיין איין עבירה זיא האט איהם אלזא אויף אזוי ווייט ערלויבט.

אין איין אבענד האט פיליפא געוואלט געהן ווייטער. דאס האט עראינערט ביאנקא׳ן אויף איהר מוטערס ווארנונג, און זיא האט מעהר ניט ערלויבט. אנפאנגס האט זיך פיליפא רוהיג צוריק געצויגען, נאר שפעטער איז ער געווארען אלץ מעהר און מעהר צודרינגליכער.

ביאנקא, אויפגערעגט און פערווירט, האט זיך אנפאנגס מיט א שוואכער שטימע בייא איהם געבעטען ער זאל זיא צו רוה לאזען. ווען דאס האט ניט געהאלפען, איז זיא געווארען שטרענגער.

פיליפא, אבוואהל אינגער פון איהר, איז ער אבער געווען פיעל שטארקער אין קערפער און זיך מיט איהר אימער גערangעלט. איין מאל האט ער זיא שיער בעזיעגט, און זיא האט ארויס געלאזען א געשרייא.

דאס האט איהם געבראכט צו זיין בעזינונג.

— וואס ווילסט דוא טהאן? האט ער געפרעגט דערשראקען.

— איך וויל רופען אום הילפע. האט זיא געענטפערט.

— ווארום?

— ווייל איך וויל דוא זאלסט מיך צורוה לאזען.

— וואס טהוא איך דיר דען?

— נאר ניט געה אוועק.

דיא סצענע פון ווערען בעזיעגען ביאנקא׳ן האט זיך איינינע מאל ווידערהאלט, אבער דאס מעדכען איז אימער ארויס דיא זיעגערין. פיליפא איז יעדעס מאל בייא איהרען א געשרייא, צוריק געשפרונגען.

דאן האָט ביאנקא פּלוצלונג געפּאסט א בעשלוס איהם אבסאלוט מעהר ניט צו צולאָזען צו זיך. זיא האָט דערפאַר פערשלאָסען דיא טהיר. אָבער פיליפּא האָט שוין אויפגעפּאסט זיא צו פּאקען בייא טאג אין איהר צימער און אויך א מאל אין גאָרטען. שפּעטער האט ער זיך נאָכגעמאכט א שליסעל צו איהר טהיר.

איין מאל איז ביאנקא אזוי אויפגערעגט געווארען פון פיליפּא'ס צודרינגליכ-קייט, אז זיא האט ערקלערט, אז זיא וועט עס דערציילען פאר זיין מוטער.

— געה שוין, געה, דוא וועסט עס ניט טהאָן, האט ער געזאָגט לאכענדיג.

— איך וועל עס יא טהאָן.

— דוא מאכסט שפּאס.

דאס מעדכען האט בוכשטעבליך מעהר ניט געקענט ערטראגען, און זיא האָט איינגעזעהן דאס אין פאל פיליפּא וועט זיא ניט אבלאָזען, וועט עס איהר זעהר שווער זיין אבצוהיטען איהר מוטערס ווערטער.

זיא האט אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע פיליפּאָ'ן אפּצוטרייבען פון זיך, אבער וויא איין ארבעס אן וואנט, קיין זאך האט געהאָלפען.

אין א טאג האָט ער איהר געפּאקט אין גאָרטען און נאר דאס אונערווארט-עטע ערשיינונג פון דעם אלטען גערטנער, האָט זיא געראטעט.

„יעצט איז אלעס פאָריבער", האָט זיא געזאָגט ענטשלאסען, און מיט דיעזע ווערטער איז זיא אוועק צו פּאסקארעלא'ן איהר דערצעהלען איבער איהר זוהן.

---

## 15.

פּאסקארעלא איז שוין געוועזען א פרוי איבער דרייסיג, איהר פרויען קערפּער האט זיך ערסט אמבעסטען ענטוויקעלט אין די לעצטע 5 אדער 6 יאָהר אונגעאכטעט דארויף וואָס זיא האָט געטראָגען מייסטענטהיילס שווארצע נאָנען-קליידער, האָט זיא ניט געקענט בעהאלטען איהר וואונדערבארע פרויען-שעהנהייט.

איהר קערפּער איז געווארען גרויס ברייט, ענטוויקעלט און אויסאנאנדער גע-וואקסען, זאָ דאס איהר פולע ברוסט מיט איהרע ברייטע שולטער האט זיא געמאכט אקוראט צווייא מאָל אזוי דיק, וויא צור צייט ווען זיא האָט געבאָרען איהר זוהן.

ווען זיא האָט ניט געבעטען צו דער מוטער מאריא, ניט געגעסען און ניט געטרונקען דיא שפּאנישע וויינען, און ניט געוואשען איהר אלבאסטער לייב, האָט זיא פערבראכט איהר צייט אין לעזען הייליגע ביכער.

דאָס בוך איבער דיא מארטעניסע פון דער הייליגער אנאסטאסיע, איז גע־וועזען איהר ליעבלינג. און זיא האט דאָס יעדעס מאל געלעזען מיט א נייעם געשמאק און מיט פרישע בעוואונדערונג.

זיא האָט אין א טאג געהאלטען גראדע בייא דיעזע שטעלע:

„ווען דיא הייליגע אנאסטאסיע, אזוי שעהן וויא איין ענגעל, מיט האָאר לאנג און צו פלאָכטען, פלאטערענד איבער איהרע בלוטענדע שולטערן, איז ארויס שטאָלץ און ענטשלאָסען, אין דער בעגלייטונג פון איהרע תלינים. זיא האָט געהאל־טען איהר קאָפּ הויך אויפגעהויבען; איהרע אויגען האבען געבליקט הויך צום הי־מעל און אויף איהרע בלייכע ליפּען האָט געשוועבט א געבעט. זיא האט ערוואר־טעט דעם טויט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, ווייל זיא האט געוואוסט, אז דיעזע וועלט איז גאָר נים; דיא פערגניגענס זיינען נארעשקייטען און איהרע אונטער־העלטע זינד. אבער דאָרט, וואו עס איז פּאָרבערייטעט געוואָרען א וואָהנונג פיר איהר נשמה — דאָרט אין הימעל צווישען דיא הייליגע“.....

ביאנקא איז ערשיענען און אונטער בראָכען איהר לעזען.

— בעל־הבית׳טע, האט ביאנקא געמורמעלט.

פּאסקארעלא האט ניט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— הערריו! האט ביאנקא נאך אמאָל געזאָגט.

פּאסקארעלא האט זיך אומגעקוקט.

— איך וויל אייך עפּעס בעטען, האָט ביאנקא געשטאמעלט.

— וואס איז ביאנקא וואָס פערלאנגסט דוא?

— איך וויל בעטען איהר....

— רעד, קינד וואָס ווילסטו מיר זאָגען?

— איך...... איך......

— שטאמעל ניט ביאנקא, איך בין בערייט צו הערען.

— פיליפּא....

— וואָס איז מיט פיליפּאָ׳ן? ווער איז מיר, איז דאָס קינד קראנק?

— ניין.

— דאנקען גאָט! וואָס דען איז געשעהען?

— פיליפּאָ לאָזט מיך ניט לעבען.

— דיך?

— יא.

— וואָס הייסט?

— ער רייצט זיך מיט מיר....

— חא, חא, חא! שעהם זיך, דוא גרויסע מויד פיליפא רייצט זיך מיט דיר? רייץ דוא זיך מיט איהם.

— ניין ניט דאס מיין איך.

— וואס דען?

— ער לאזט מיך ניט לעבען.

— וואס הייסט ער לאזט דיך ניט לעבען?

— ער קנייפט מיך.

— קנייפ איהם צוריק.

— ניין, ער...... ער......

פאסקארעלא האט בעטראכט ביאנקא'ן אייניגע אויגענבליק און דאן האט זיא געזאגט:

— געה דיר, איך בעט דיך, צו דיין ארבייט. אזא גרויסע מויד וויא דוא ביזט און האסט קיין שכל ניט. ער איז א קינד און האט ניט קיין חברים מיט וועמען זיך צו שפיעלען. עס וועט דיר גאר ניט שאטען ווען ער שפיעלט זיך מיט דיר...

ביאנקא האט נאך עפעס געמורמעלט, און איז אוועק געגאנגען.

פיליפא האט אונטערדעסען פארטגעזעצט זיינע צוררינגליכקייטען געגען ביאנ־קא'ן, און מיט א פאאר טעג שפעטער, איז ביאנקא ווידער ערשיענען פאר פאס־קארעלא'ן און צו איהר געזאגט:

— איך קען שוין ניט אויסהאלטען.

— וואס איז ווידער? האט פאסקארעלא געפרעגט.

— אלץ פיליפא.

— וואס איז מיט פיליפא'ן?

— ער טהוט מיר אן געברענטע לייד.

— וואס מיינסטו?

— ער קריכט צו מיר.

— צו דיר?

— יא.

— וואס הייסט?

— ער קריכט בייא נאכט אין מיין צימער.

— אין דיין צימער.

— יא, און ער לויפט מיר אויך נאך אין גאָרטען.

— נוא, איז וואס ?

ביאנקא האט אייניגע אויגענבליק נאכגעדענקט, דאן האט זיא ארויסגע־שטאמעלט :

— און ער וויל מיך אונגליקליך מאכען !

פאסקארעלא איז אנפאנגס געבליעבען זיטצען ערשטוינט, און דאן האָט זיא ביאנקא'ן געשטעלט אייניגע פראגען, וועלכע זיא האט איהר בעענטפערט.

דאס אימער רוהיגע און שעהנע געזיכט פון פאסקארעלא'ן האט זיך פער־פינסטערט מיט צארן און זיא האט אויסגערופען :

— שטיל, דוא שפלה ! שעהם זיך אין דיין וויטען האלז אריין ! דוא זאלסט עס ארויס ברענגען אזא שם רע איבער מיין קינד, איבער מיין פיליפאַ'ן ? ווען איך וועל דאָס נאך אמאל פון דיר הערען וועל איך דיר אויספּראסקען דיין מאָרדע ! געה אוועק פון דאנען דוא פעררוקטע ! האסטו געהערט, ער פיליפא, איין אונ־שולדיגעס קינד, אזוי ריין וויא א מלאך'על, אזוי אונשולדיג וויא א נייא־געבוירען טייבעלע.... פע, שעהם זיך ארויס פון דאנען ! מעהר זאל איך פון דיין מויל אזעלכע ווערטער ניט הערען.

---

16.

ביאנקא, דערשראָקען פערשעהמט און ניעדערגעשלאגען, איז ארויס וויא איין אבגעשמיסענער הונט און מעהר קיין ווארט גערעדט.

עס זיינען פאריבער טעג און וואָכען, און וויא וויית מעגליך, האט זיא זעלבסט נעקעמפפט געגען פיליפא'ן און מעהר קיין ווארט דעריבער גערעדט. איהר צימער האט זיא געהאלטען פעסט פערשפארט און פערשלאָסען פון אינוועניג, און אויף דיעזער ארט, איז זיא בייא נאכט פאר איהם געווען בעשיצט. בייא טאג האָט זיא געזעהן אוים מיידען זיך מיט איהם צו בעגעגענען.

אין א נאכט, אלס פיליפא האט איינגעזעהן, אז ער קען צו איהר דורך דער טהיר ניט צוקומען, האָט ער גענומען א לייטער, צו געשטעלט צום פענסטער און איז ארויף געקראָכען.

עס זעהט אוים אז דיעזעס מאל איז ער געווען פעסט ענטשלאָסען זיין ציעל

צו ערדייכען, דען ער האָט מיטגענומען א שווערע דעק מיט זיך. וויא ער איז אריין אין צימער האט ביאנקא זאָפאָרט ערוואכט. אין נעכסטען אויגען בליק האט ער אויף איהר ארויף געוואָרפען דיא דעק און פערשטיקט איהר שטימע.

דאן האָט אָנגעפאנגען א קאמפף מיט פערשיעדענע אבוועקסלונגען פון זיעג ביאנקא איז שטארק פערמאטערט געוואָרען און ניט קענענדיג מעהר שרייען איז זיא שיער געפאלען אלס זיין אָפפער. אָבער גראדע דאמאלס, האט זיא געמאכט איהר לעצטע אונטערנעהמונג און מיט א העפטיגען שטויס, האָט זיא פיליפאָ׳ן ארונטער געוואָרפען פון בעט.

דאס האָט איהר געגעבען דיא געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון דער דעק, און כאפענדיג א שטיק האָלץ וואָס איז געלעגען נעבען איהר, איז זיא געווען פאָ־זיטיוו ענטשלאָסען איהם צו צערשמעטערן זיין קאָפּ אין פאל ער זאל זיך צו איהר נאך א מאָל דערנעהענטערן.

עס איז שוין דאמאלס געווען דער קאמפף פון א פערצווייפעלטע וועלכע איז צו אלעס בערייט.

פיליפא האט פערשטאנען, אז עס האט שוין געגרייכט דיא לעצטע שטופען פון ערנסט און מיט א פלוך, איז ער ארויף אויף׳ן פענסטער און איז צוריק ארויס, ארונטער שטייגענדיג דיא לייטער טרעפען.

ביאנקא האט שוין אין יענער נאכט ניט מעהר געשלאפען, און גאנץ פריה האָט זיא זיך גענומען צוזאמענפאקען איהרע זאכען.

ווען פאסקארעלא האט ערוואכט, איז זיא צו איהר אריינגעגאנגען.

— וואס איז שוין ווידער נייעס ? האט פאסקארעלא געפרעגט בעמערקענ־דיג איין אונגעוועהנליכע בלאסקייט אויף איהר געזיכט.

איך וויל אהיים פאָהרען צו מיינע עלטערן האט ביאנקא געזאגט ענט־שלאָסען.

— אהיים פאָהרען ?

— יא.

— ווארום ?

— ווייל איך קען דאָ מעהר ניט זיין.

— וואָס פעהלט דיר ?

— גאָר ניט. איך וויל אהיים פאָהרען.

— דערצעהל מיר דיא אורזאכע.

— פאסקארעלא איז געוואָרען מילדער מיט איהר שפּראַכע זעהענדיג וויא ביאנקאס אויגען האָבען זיך אָנגעפיללט מיט טרעהרען.

נאָך מעהרערע פראַגען, האָט ביאַנקא איהר ענדליך דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט לעצטע נאַכט.

פּאַסקאַרעלא האָט ניט געוואוסט וואָס צו דענקען.

— דיא וואַהרהייט איז, האָט פּאַסקאַרעלא ענדליך געזאָגט, „אַז איך גלויב דיר ניט וואָס דוא זאָגסט מיר. מיין פּיליפּאַ איז נאָך אַ קינד, וועלכער האָט דיא וועלט ניט ניט געזעהן און קען ניט דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט“. ....

— אָבער איך שווער אייך האָט ביאַנקא געענטפערט וויינענדיג.

— דאַן האָב איך אַ פּלאַן.

— אַ פּלאַן ?

— יאַ.

— וואָס מיינט איהר ?

— דוא זאָלסט איהם הייסען קומען צו דיר היינטיגע נאַכט.

— דאָס וויל איך ניט.

— זייא ניט קיין דומע קינד, הער וואָס איך זאָג דיר.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען: איך וועל קיינעם ניט פאָלגען אַזאַ זאַך.

— דוא פערשטעהסט מיך ניט.

— איך פערשטעה אייך יאַ, און איך וועל עס ניט טהאָן.

— הער אויס, נאַר, האָט פּאַסקאַרעלא פאַרטגעזעצט מילדער. דוא בעגעגנען זיך מיט איהם היינט, און הייס איהם קומען היינטיגע נאַכט אין דיין צימער. זאָל זיין 12 אַ זייגער האַלבע נאַכט.

— ער וועט קומען און וועט.......

— שאַ, שאַ, האָב קיין מורא ניט. דוא הייס איהם קומען. דוא וועסט דאַרט ניט זיין....

— ניין ? דאַן וועל איך טהאָן וואָס איהר הייסט.

— דאָס איז גוט. דוא וועסט שלאָפען אין מיין צימער און איך אין דיינעם. איך בין זיכער, אַז דאָס וואָס דוא דערצעהלסט מיר איז ליגען. נאַר אום דיר צו בעווייזען, אַז דוא חלום׳סט וואהרשיינליך, וועל איך דאָרט זיין....

— איך שווער אייך, בייא אַלעס הייליגע! האָט דאָס מעדכען אויסגערופען.

— גוט, גוט. ווען דאָס איז אמת, דאַן וועסטו זעהן וואָס ער וועט פון מיר

האָבען. ווען דאָס איז אָבער ליגען, דאַן ועסטו האָבען א מיאוס'ן סוף. איך וועל דיר לאָזען גוט אנשמייסען און ארויס ווארפען פון דאנען.

איהר וועט זעהן, אז איך זאָג דיא וואהרהייט.

— יעצט געה, האָט פאסקארעלא בעפאָהלען, „און טהוא נאר וואָס איך היים דיר".

ביאנקא איז אוועק און מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער האט זיא אליין גע־זוכט דיא געלעגענהייט זיך מיט איהם צו בעגעגענען. זיא האט פיליפּא'ן שוין געהאסט און ווירקליך געוואלט ער זאל האבען א שווארצען סוף.

זיא איז אריין אין גארטען און מיט א פּאר מינוטען שפּעטער איז פיליפּאָ נאכגעקומען.

— אזוי, מציאה מיינע האט ער אנגעפאנגען האסט מיר געוואלט הרג'ענען?

— וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן? דוא ביזט דאָך א גזלן!

— א שעהנער גזלן! חא, חא, חא!

— דוא ביזט דאָך אריין דורך'ן פענסטער.

— א ברירה האב איך געהאט? ווען דוא האסט פערשלאסען דיא טהיר, האב איך געמוזט געהן דורך'ן פענסטער.

— דוא דארפסט עס אבער ניט טהאָן.

— ווארום?

— ווייל אזוי, און ביאנקא האט ארונטער געלאזען איהרע אויגען צו דער ערד.

פיליפּא האט זיא אומארמט און געקושט.

— לאָז מיך אב, האט זיא זיך בייא איהם געבעטען.

— איך האב דיך ליעב! האט ער געזאגט ציטערענד.

— מען וועט אונז נאך דערזעהן.

— אלזא, קום אוועק פון דאנען.

— ניט יעצט.

— ווען דען?

— איין אנדער מאָל.

— ווען?

— בייא נאכט.

— וואו?

— אין מיין צימער.

— ווען ?

— האלבע נאכט.

— און דוא ועסט מיך אריין לאָזען ?

— יא.

— וועסט לאָזען אָפען דיא טהיר.

— יא.

האלבע נאכט ? 12 א זייגער ?

— יא.

ער האט זיא נאך א מאָל אומארמט און געקושט.

אוועקגעהענדיג האט ער געמורמעלט :

— איך וועל ווארטען. מיין שעהנע ביאנקא, ביז האלבע נאכט מיט דער גרעסטער אונגעדולד.

---

## 12

„א מוטער־נאטור איז איינע פון דיא מערקווירדינגסטע גפיהלען אין דער וועלט. א מוטער ועט גלויבען אלעס איבער פרעמדע קינדער, נור איהרע אייגענע קינדער ביז זיא זעהט ניט מיט דיא אויגען, זיינען בייא איהר מלאכים.

דאן מוז מען פאסקארעלא׳ן אויך געבען א געוויסע רעכט. זיא האט ניט געקענט אזוי לייכט פעראורטהיילען איהר זוהן, דען פון איהר שטאנדפונקט אויס, איז ער ווירקליך געווען דיא אונשולד זעלבסט, און ער האט קיין שלעכטע מחשבות ניט געקענט האָבען. ער האט עס ניט געהאט פון וועמען צו לערנען און פון וואנען צו זעהען, ער האט נאך קיין פרוי רעכט געזעהן, אויסער זיין אייגענע מוטער, ביאנקא׳ן און א פּאָאר אלטע דיענסטען.

דאן זיינען זיינע געהירען אָנגעפילט געוואָרען, פון דער קינדהייט אן, מיט דער הייליגקייט פון רעליגיאָן, און פון וואנען אלזא האט ער געקענט וויסען איבער שלעכטע זייטען ?

איבערהויפט, איז ער נאך, אין איהרע אויגען, געווען איין איינפאכעס קינד, קוים 16 יאהר אלט, און וואס קען אזעלכער וויסען פון אויסגעלאסענהייט מיט פרויענצימער.

„דיא נארישע מויד וויים ניט וואס זיא רעדט,״ האט זיא זיך געטראכט, „נאר עס איז גלאט אינטערעסאנט אויסצוגעפינען וואס דאָ איז געשעהן, יעדענפאלס

וועל איך אלעס וויסען, וועה איז מיר! האסטו געהערט א געשיכטע? איך האב אויפגעצויגען א קינד אין דער אונשולד אליין. און איהם בעשטימט צו זיין גאָט'ס אייביגער דיענער, און צום סוף? עה, נארישקייטען, גאָט, דער שופט צדק קען ניט זיין אזוי אונגערעכט."

זיא האט זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אז סוף־כל־סוף וועט זיך אלעס ארויסווייזען אלס פאלש און ליגען.

איז דאָס ניט א מערקווירדיגע וועלט? דיא מענשען זיינען דיא מערקווירדיג־סטע ברואים, דורך אירגענד וועלכע אורזאכען אין אלטערטהום, ווען פאלשע אי־דעען האבען זיך געבילדעט אין דיא מוחות פון דיא אורמענשען, זיינען ענטשטאנ־דען מיינונגען איינבילדונגען וואס ווילען צווינגען דיא מענשען צו קעמפפען געגען דער נאַטור.

דיא נאַטור שאפט דעם מענשען מיט דעם אויסדריקליכען צוועק צו פּראָדו־צירען זיין מין, און זיא ווענדעט אָן אלע איהרע מעגליכקייט דיעזען ציעל צו עררײ־כען. דיא מענשען ווערען געבוירען אום אנדערע צו געבוירען, דאס עסען, טרינקען, ארבייטען און בעוועגען זיך, איז אלץ צוליעב דער עקזיסטענץ פון איין דור אום צו פּראָדוצירען א צווייטען דור.

יעדע פּראָבע דיעזען נאַטור־וואונש צו אונטערדריקען, דורך אירגענד וועלכע איינבילדונגען, איז א קאַמפף געגען דער אלמעכטיגער נאַטור, וואו דער מענש כּוּז אימער בעזיעגט ווערען.

דער קאַמפף צו בעזיעגען דיא נאַטור, ענדיגט זיך אלע מאָל מיט א שרעק־ליכער ניעדערלאַגע.

עס איז וואהר, פאסקארעלא האט געהייראַטעט צו פריה, דאס הייסט, איי־דער דיא נאַטור האט זיא פערלאַנגט צו איהר צוועק, דיא נאַטור האט דערפאר דאמאלס פּראָטעסטירט דאגעגען מיט עקעל און שאנדע וואס זיא האט ארויסגע־רופען אין איהר. אבער דיא פאסקארעלא וואס איז אלט געווען 15 יאָהר, איז ניט געווען דיעזע פון 20, און נאָך ווענינער אלס דיעזע פון 25, 30 און 32.

פאסקארעלא'ס קערפּער איז ענטוויקעלט געוואָרען פאָלקאָמען, פאָרשטענדיג, און רייף פיר נאַטור'ס וואונש, זיא האט בעדארפט הייראַטהען און האָבען א מאַן אום צו ערפילען נאַטור'ס וואונש, דיעזע נייגונג האט זיא אונטערדריקט און געוואָלט טעדטען.

אבער דיא נאַטור לאָזט זיך ניט בעקעמפפען אויף דיעזער דיעזער ארט. א פאָלקאָמען געזונדעס פרויענצימער, וואס לעבט גוט, עסט גוט, און געניעסט אלעס

צום וואהלגעהן פון קערפער, בענעטהיגט א מאן, און ווען זיא טהוט עס ניט, דאן געפינט שוין דיא נאטור איין אויסוועג.

...................................................................

דער אבענד איז געקומען און ביאנקא האט געבראכט פאסקארעלא'ן דעם נאכריכט

— „אלזא!“ האט פאסקארעלא געפרעגט נאך אימער אונגלויבליך.

— איך האב איהם שוין געזעהען.

— ווירקליך? און וואס האט ער געזאגט?

— אז ער וועט קומען.

— האסטו איהם אויפגעפאָרדערט?

— ניין.

— וויא דען?

— ער האט מיך געפרעגט.

— איך פערשטעה... ווען וועט ער קומען?

— האלבע נאכט.

— גוט.

— אבער איך געה שוין מעהר ניט אין מיין צימער.

— געה שלאפען אין מיין בעט און גיב מיר דעם שליסעל צו דיין צימער.

ביאנקא האט אזוי געטהאן.

---

18.

פאסקארעלא האט אונבעמערקט זיך אריינגעגנב'עט אין ביאנקא'ס צימער. עס איז שוין געווען אונגעפעהר אום 11 אוהר.

דער עהל-לאמפ וואס האט געברענט פאר'ן הייליגען בילד, האט צו שטארק בעלייכטעט דאס צימער, זיא האט געוואָלט עס זאל זיין פינסטער, אום ווירקליך אויסצוגעפינען אלעס איבער דער בעהויפטונג פון ביאנקא'ן.

זיא האט אלזא דעם לאמפ אויסגעלאשען.

דאן האט זיא זיך אריינגעלעגט אין בעט און געווארט.

— איך גלויב עס ניט, האט זיא ווידערהאָלט צו זיך זעלבסט. — איבריגענס עס קען מעגליך זיין, אז מיין פיליפא ווייס אליין ניט וואס ער וויל. עס קען אויך ניט זיין ער זאָל וויסען, פון וואנען זאל ער וויסען? אבער, ווען ער וועט קומען,

וועל איך אַלעס אויסגעפינען, און ווען עס איז אמת, דאַן מוז איך זעהען איהם אב־געוואוינען דערפון, ער טאָר דאס ניט טהאָן. מיין גאָט, וויפיעל איך האב געזאָרגט דאפיר, מיין קינד זאָל זיין ריין! גאָט אין הימעל! העלף מיר מיין איינציגען טרייסט אין לעבען, צו ערציהען אין פרומקייט און הייליגקייט; העלף מיר ער זאָל זיין גוט און פרום, ווייל איך האב איהם געהיילינט צו דיר, צו דיין נאמען.

זיא איז אזוי געלעגען אין געדענקט א היבשע צייט.

עס איז נאך ניט געווען האלבע נאכט, אבער פיליפא, וויא עס שיינט, האט מעהר קיין געדולד געהאט צו ווארטען.

פאסקארעלא האט געהערט לייכטע טריט, פון נאקעטע פיס, איבער דעם קאָררידאָר.

דיא טהיר האט זיא געלאָזען אביסעל אָפען.

דאַן האט זיא געהערט א לייכטען סקריפּ פון דער טהיר און יעמאנד איז אריינגעקומען. זיא האט אין דער דונקעלהייט דערקענט איהר זוהן פיליפּאָ.

דיא אונגעוועהנליכע דונקעלהייט, האט איהם געמאכט אביסעל צעגערן. ער איז געבליעבען שטעהן.

פאסקארעלא האט איהם עוואָלט פרעגען וואס ער טהוט דאָרט, אבער זיא האט זיך צוריק געהאלטען.

זיא האט פערשטאנען דאס ווען ער וועט דערהערען איהר שטימע, וועט ער זעהען, אז ער איז פערראטהען און פון דער גאנצער געשיכטע וועט גאָר ניט ווערען, זיא וועט נאך אימער גאר ניט וויסען.

זיא האט אלזא געשוויעגען.

— איבריגענס, האט זיא זיך געטראכט, וואס מאכט עס אויס ווען ער וועט צוקומען צום בעט? וואס מאכט עס אויס ווען ער וועט זיך אריינלייגען אין בעט? איך בין דאך זיין מוטער! דאַן, דאַן....

פיליפּאָ, אהנע צו רעדען א וואָרט, איז ער צוגעגאנגען צום בעט, ארומגע־כאפּט זיין מוטער און זיא געקושט ליידענשאפטליך.

נאטירליך האט ער געמיינט, אז דאס איז ביאנקא.

פאסקארעלא האט נאך אימער געשמייכעלט צו זיך אליין, דענקענדיג וויא איבערראשט פיליפּאָ וועט ווערען, ווען ער וועט ענטדעקען דעם טעות.

אין נעכסטען אויגענבליק האבען פיליפּאָ'ס הענד בעריהרט איהר נאקעטעס לייב.

דיא צוריקהאלטונג פון געשלעכטליכער ליעבע זייט יאָהרען־לאנג, האט ביי

דיעזער בעריהרונג זיך בעפרייט וויא פון א געפענגניס, פאסקארעלא איז אזוי בע־רוישט געווארען, אז זיא האט זיך זעלבסט פערגעסען ווער און וואס זיא איז.

אנשטאט דיא מוטערליכע געפיהל, האבען איינגעטרעטען פרויען־געפיהלע און זיא איז געבליעבען ליעגען בערוישט, אויפגערעגט און מאכטלאז אין דער אומאר־מונג פון איהר אייגענעם זוהן.

גערוישלאז וויא ער איז ערשיענען, אזוי איז אויך פיליפא ארויס פון דעם צימער, און נאך אייניגע מינוטען צייט, האט דיא בעזינונג צוריק געקעהרט צו פאסקארעלאן.

זיא האט איין אויגענבליק בעגריפען וואס עס איז געשעהען.

א שרעקליכער און שוידערהאפטער שמערץ האט דורכגעשאסען איהר הערץ, און דאן האט א קאלטער שוויים בעדעקט איהר קערפער.

זיא האט געציטערט און געוויינט, און געוויינט, אז נאך דיעזען פערברעכען מוז הימעל און ערד אויף איהר ארויף פאלען.

דיא ליידען פון דער מוטער און פרוי זיינען געווען אויסערארדענטליך גרויס, זיא האט זאגאר ניט געוואגט צו בעטען גאט אום פערצייהונג, זיא איז געלעגען וויא פערשטיינערט און צושמעטערט.

און דיא נאטור, דיא אלמעכטיגע הערשערין, דיא אלגעמיינע זיעגערין, האט זיך שרעקליך נוקם געווען.

נאטור׳ס נקמה איז געווען גרויזאם, אבער גערעכט!

---

## 19.

פאסקאריעלא האט גאנץ פריה געשיקט רופען דעם גייסטליכען, דעם לעה־רער פון איהר זוהן.

דער אלטער מאן, מיט גרייז־גרויע האאר אויף זיין קאפ, האט אימער גע־האט א גרויסען רעספעקט פאר דער שעהנער און פרומער פאסקארעלא. דאס וואס זיא האט איהם געשיקט רופען אזוי פריה, איז געווען עפעס אונגעוועהנליך, און ער האט זיך פארבערייטעט דאס צו ערפאהרען.

— גוט מארגען, מיין טאכטער,— האט ער געזאגט זיא בעגריסענדיג און זיך מאכענדיג דעם צלם.

— גוט מארגען, פאטער, — האט זיא געענטפערט מיט א ציטערענדער שטימע.

איהר געזיכט איז געווען שטארק בלאס און איהרע אויגען האָבען אָנגעצייגט, אז זיא האט צוגעבראכט זעהר איין אונרוהיגע נאכט.

— טאָכטער, — האָט דער גייסטליכער געמורמעלט מיטליידיג, „דוא ביסט בעטריעבט.“

זיא האט געשוויגען.

— דער גאָט וואָס טרייסט אַלע טרויעריגע, וועט דיך אויך טרייסטען, מיין גוטע און פרומע טאָכטער.

ביי דיעזע ווערטער האט פּאסקאַרעלאַ אויפגעציטערט.

זיא האָט געוואָלט פאַלען אויף איהרע קניע, און עפענען איהר הארץ פאר איהם איבער דעם פערברעכען וואָס זיא האָט בעגאנגען און בעטען אום פערצייהונג, אבער זיא האט זיך געשפּירט צו זינדיג אזא זאך צו דערצעהלען און זיא האָט זיך אָנגענומען בעסער צו ליידען דיא מאַרטערניסע פון גיהנום, איידער ארויף צו ברענגען אויף איהרע ליפּען אזעלכע ווערטער.

דאן האָט זיא געשיקט רופען דעם גייסטליכען גאר וועגען איין אנדערע זאך.

— קען איך דיר העלפען, טאָכטער? — האט דער גייסטליכער געדרונגען מיט צערטליכקייט זעהענדיג וויא ניעדערגעשלאָגען זיא איז.

איהרע אויגען האבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען.

ביידע האָבען געשוויגען עטליכע מינוטען, נאר נאָך א פּויזע, האט זיא געפּאסט מוטה און אנגעפאנגען.

— פאטער! — האט זיא געזאָגט „איך האָב בעשלאָסען“....

דיא טרעהרען האָבען דערשטיקט איהר שטימע.

— שטארק זיך, טאָכטער, — האט ער זיא ערמוטהיגט.

— איך האָב בעשלאָסען, — האט זיא פאָרטגעזעטצט, „אוועקצושיקען, מיין זוהן פון דאנען.“

— דיין זוהן?

— יאָ.

— וואוהין?

— וואוהין גאָט וועט געבען.

— וואָס איז געשעהן?

— פרעגט מיך ניט, — האט זיא זיך געבעטען, מיין הארץ איז פול מיט וועהטאָג. איין אנדער מאָל, ניט יעצט, וועל איך אייך פּיעלייכט דערצעהלען. יעטצט, בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר העלפען דורכפיהרען מיין פּלאן.

— מיין גוטע טאכטער, האט דער גייסטליכער געזאגט מיטליידיג, איך וועל דיר העלפען מיט אלעס וואס ליעגט אין מיינע מעגליכקייטען.

— איך וויל אוועקשיקען פיליפא'ן.

— וואוהין ?

— נאך רוים.

— צו וועמען ?

— צו מיינעם איין אנקעל, דאס הייסט, מיין מאן'ס איין אנקעל, וועלכער איז גענעראל אין דער ארמעע.

— וואס זאל פיליפא דארט טהון ?

— ער זאל ווערען א סאלדאט.

דער גייסטליכער האט זיך דערשראקען.

— איך פערשטעה ניט, האט ער געשטאמעלט, דאכט זיך דוא האסט בע־שטימט ער זאל דיענען גאט און ניט דעם קעניג, וויא קומט עס וואס דוא האסט געענדערט דיין מיינונג ? דאס איז א גרויסע זינד, פאסקארעלא, אוועק צו נעהמען א דיענער פון גאט און איהם איבערגעגעבען צום קעניג. דאס איז איין עולה.

— איך וויים פאטער, איך וויים גאנץ גוט וואס איהר מיינט, אבער עס קען אנדערש נים זיין. זיין ליעבער נאמען האט מיר געשטראפט מיט א שלעכטען זוהן.

— נאט איז מיט דיר, טאכטער, וואס רעדסטו ? פיליפא איז דאך פרום און ער דיענט גאט באמונה שלמה.

פרעגט מיך ניט פאטער, איך וויים מעהר, איך בין זיין מוטער. ווילט איהר מיך בלינד געהארכען ? ווילט איהר ניט איך זאל טויט פאלען פאר אייערע פיס פון שמערץ און אונגליק ? דאן פערשפרעכט מיר צו טהון וואס איך פערלאנג פו אייך.

דער אלטער מאן איז געוועזען נאך מעהר וויא איבערראשט. פאסקארעלא'ס געזיכט האט ניט נאר אויסגעדריקט שמערץ, זאנדערן אויך טויט שרעק. ער האט געשפירט א גרויסעס מיטלייד צו איהר, און נאך א שווערען קאמפף מיט זיך זעלבסט, האט ער געזאגט :

— רעד, מיין ארעמע טאכטער, איך בין בערייט צו לינדערן דיין שמערץ און פאלגען וואס דוא הייסט.

— איך דאנק אייך, האט זיא געמורמעלט, יעצט הערט מיך אוים, איך וויל איהר אליין, אהנע יעמאנד אנדערס, זאל אוועקשיקען פיליפא'ן נאך רוים, איהר זאלט איהם מיטגעבען א בריעף צו זיין אנקעל, וועלכען איך וועל אונטערשרייבען,

אז איך ווינש, ער זאָל איהם אריינגעהמען אין דער ארמעע. זאָגט פיליפּאָן, אז איך קען עס ביי מיר ניט פועל'ן איהם צו זעהען, נאכדעם מיין מוטערס הארץ איז געבראָכען. דא האָט איהר א סומע געלד פאר איהם אויף דער רייזע און פיר הוצאות אין רוים זעלבסט.

זיא האט איהם ביי דיעזע ווערטער איבעררייכט א זעקעלע גאָלד־שטיקלעך, און דאן נאָך אמאָל ווידערהאָלט דיא ווערטער:

— איך וועל איהם ניט זעהען; איך וויל מיך מיט איהם ניט געזעגענען, איך קען ניט.

דער גלח האָט געשוויעגען.

— איך וויל אויך, האט זיא ווייטער געזאגט, זיין אברייזע זאָל געשעהן זאָפאָרט, שוין, איך בעט אייך, פאָטער, טהוט מיר דיא טובה, ער זאָל דאָ ניט פערבלייבען אפילו איין שטונדע, מען זאָל איינשפּאַנען מיינע פערד און ער זאָל באַלד פאָהרען.

## 20.

דער אלטער גלח איז נאָך אזוי ערשטוינט ניט געווען אין זיין לעבען. ער האט פערשטאנען, אז דערביי מוז זיין עפּעס א פינסטערעס געהיימניס, אבער וואס דאס קען זיין, האט ער ניט בעגריפען.

נאכדעם וויא ער האט פאסקא־עלאָ'ן געהייסען זיך בערוהיגען, האט ער פון איהר גענומען אבשיעד און איז ארויס אין גארטען.

פיליפּאָ איז געזעסען אויף א באנק און זיך געשפּיעלט מיט א גרויסען הונד, וועלכער איז געווען זיין ליעבלינג.

— גוט מאָרגען, פאטער! — האט פיליפּאָ אויסגעשריען גאנץ מונטער.

— גוט מאָרגען מיין זוהן; איך האב מיט דיר עפּעס וויכטיגעס צו רעדען.

— מיט מיר?

— יא.

— ווען?

— שוין.

— דאַן בין איך פערטיג, האט ער געענטפערט אבשטויסענדיג דעם הונד און זיך אויפהויבענדיג.

ער איז צוגעגאנגען צום אלטען מאן, וועלכער האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און איהם אריינגעפיהרט טיעף אין גארטען.

פיליפא האט זיך ניט געקענט פארשטעלען וואס דער גייסטליכער קען איהם בענעטהיגען, און ער איז זעהר נייגיעריג געווארען. פלוצלונג האט ער זיך דער־מאהנט אן לעצטער נאכט, און זיך געטראכט, אז דיא דומע ביאנקא האט געמוזט חרטה האבען אויף איהר שריט וואס זיא האט געמאכט און זיך אוודאי מתודה געוועזן פאר'ן גלח. יעצט ווייעדער, קומט דער גלח איהם אויסמוסר'ן, דאס האט איהם זעהר ניט געשמעקט, און ער האט דערפאר געשוויגען שוין מעהר ניט שטע־לענדיג קיין פראגען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נעבען א באנק הינטער א בוים, האט זיך דער אל־טער געזעצט.

— זיטץ, פיליפא, האט ער צו איהם געזאגט.

פיליפא האט געפאלגט שטילשווייגענד.

— וויא אלט ביסטו מיין זוהן?

— זעכצעהן יאהר.

— ווייסטו וויא אלט א מענש קען ווערען?

— ווייס איך 50, 60 אדער 80 יאהר.

— וואלסטו וועלען לעבען 80 יאהר.

— אפילו דריי מאל אכציג.

— איך מיין, ווען דוא זאלסט לעבען 80 יאהר, וואלסטו וועלען פערברענגען דיין גאנצע צייט אין דיענסט פון גאט?

פיליפא האט ניט גענוי פערשטאנען דיא פראגע און געשוויגען.

— בעגרייף מיך גוט, האט דער גייסטליכער פארטגעזעצט, „גאט האט בע־שאפען דעם מענשען, ער זאל איהם דיענען אויף פערשיעדענע וועגען. איינער דיענט גאט וואס ער הייראטעט און האט א פרוי מיט קינדער, א צווייטער דיענט דעם פאטערלאנד, א דריטער גיבט זיך אפ מיט מלאכה און ארבייט, און א פיערטער דיענט דער הייליגער קירכע. דער מענש איז פרייא צו טהאן וואס ער וויל. וואלסטו וועלען אבלעבען 80 יאהר אין דיענסט פון דער קירכע?“

— יא, פאטער! האט פיליפא באלד געענטפערט.

— אבער ווען מען זאל דיר ווייזען איין אנדערן וועג, ניט דעם צו זיין א דיע־נער פון דער קירכע דאס גאנצע לעבען, דאס הייסט, ענטוועדער הייראטהען אדער דיענען אין דער ארמעע, וואלסטו דאס אקצעפטירט?

פיליפא האט געשוויגען. ער האט זיך ניט נאר איינמאל פארגעשטעלט, אז דאס לעבען אין דער אויסגעוועלט, ניט איינגעשפארט בייא זיין מוטער אין דער

ווילא מוז זיין אינטערעסאנטער. דער פארשלאג פון דעם גייסטליכען, האט איהם פערווירט איבערהויפט, זייט לעצטע נאכט, האט ער געדיינקט אז אין דרויסען, אין א שטאדט, געפינען זיך א סך אזעלכע ביאנקא׳ס, וועלכע קענען מאכען דעם לעבען אנגענעהמער וויא צו קניען פינף שטונדען אין טאג אין קירכע און האלטען אין איין בעטען גאט.

ווארום ענטפערסטו מיר ניט? האט איהם דער גלח געדרונגען.

— וויים איך, האט ער ענדליך ארויסגעמורמעלט, „פיעללייכט וואלט איך מיך פון אזא לעבען ניט ענטזאגט.

— עס איז גוט וואס איך האב געהערט פון דיר דיזע ווערטער. יעצט הער וואס איך האב דיר צו זאגען. וויסטו אז דוא האסט איין אנקעל אין רוים?

— יא.

— וואס איז ער?

— א גענעראל אין דער ארמעע.

— ביזטו צופריעדען צו פיהרען אזא לעבען?

— פיליפא איז געווען אויסער זיך פאר פרייד.

— יא האט ער אויסגערופען דערפרייט.

— דיין מוטער האט בעשלאסען דיך אוועק צו שיקען נאך רוים, צו דיין אנ־קעל, דאמיט דוא זאלסט אויפגענומען ווערען אין דער ארמעע. וועסטו פאהרען?

— אה, יא.

— ווען?

— סאי ווען.

— אפילו היינט.

— יא.

— שוין?

— ווען איהר ווילט.

— דאן מאך דיך רייזע פערטיג, ווייל ביז אין א שטונדע צייט רייזטו אב.

פיליפא איז געווארען בערוישט פאר פרייד און שוין געוואלט לויפען זיך צו מאכען רייזע־פערטיג.

— ווארט אויף איין אויגענבליק האט דער גייסטליכער געזאגט, איך האב צו דיר איין בעדינגונג: דיין מוטער איז זעהר בעטריעבט און זיא קען זיך מיט דיר ניט געזעגענען. צייג זיך ניט פאר איהר.

פיליפא איז בעשטאנען דארויף, אהנע א וויטערע בעמערקונג.

דאן איז ער אוועק זעהן צו לאזען איינפאקען זיינע קליידער. אויפ'ן וועג האט ער בעגעגענט ביאנקא'ן.

ער האט צו איהר געשמייכעלט. זיא האט אָבער אבגעווענדעט איהר קאפ פון איהם.

— נעה צום טייפעל! האט ער געזאגט, יעצט וועל איך שוין מעהר קיין זארג ניט האבען אום צו בעגעגענען אזעלכע מציאות וויא דוא ביזט.

מיט א שטונדע שפעטער, האָט פיליפא אבגערייזט, מונטער און פרעהליך נאך רוים צו זיין אנקעל.

---

## 21.

עס זיינען פאַריבער איינינע וואָכען, און פאסקארעלא איז געוועז זעהר אונגליקליך. זיא האט ניט געגעסען, וועניג געשלאפען, און אין אנפאנג האָט זיא זאגאר ניט געוואגט צו בעזוכען דיא קירכע און בעטען.

„מיין גאָט!“ האט זיא אונצעהליגע מאָל געזיפצט צו זיך זעקבסט, „וואס האָב איך געטהאָן? מיינע זינד זיינען אונערטרעגליך!“

ביאנקא איז אונטערדעסען געווען פאלשטענדיג צופריעדען וואס פיליפא איז אוועק געפאָהרען, זיא האט אפילו ניט געוואגט צו פרעגען איהר הערריין אויב איהר בעהויפטונג איז וואהר, אבער זיא האט בעמערקט, אז זיא האט שוין אויסגעפונען דיא וואהרהייט, נאכדעם זיא האָט איהר דעריבער מעהר גאר ניט פאָרגעהאלטען. דאן האט זיא גערעכענט, אז דאָס וואָס פיליפאָ איז אוועקגעשיקט געווארען נאָך רוים, האט געוויס צו טהאָן דערמיט, וואס זיין מוטער האָט זיך איבערצייגט, אז פיליפא איז שוין מעהר ניט אזא אונשולדיגעס קינד וויא זיא אליין האט בעהויפטעט.

נאטירליך איז איהר ניט איינגעפאלען, אז דיא פרומע און גאָטס פארכטיגע פאסקארעלא האָט געקענט פאלען דארט וואו זיא האט זיך אייסגעהיט, און איבערהויפט מיט איהר אייגענעם זוהן.

ביאנקא האט געמאכט איהר ארבייט וויא געוועהנליך, און געדאנקט גאָטט, וואס זיא וועט קענען מקיים זיין איהר מוטער'ס ווערטער.

אבער דער ארעמער פאסקארעלא איז שוין בעשערט געווען נאך מעהר צו ליידען וויא זיא האט געליטען. זיא האט בעמערקט קעצטענס א גרויסע ענדערונג

אין איהר קערפער, און דיא אידעע אליין, אז דאס קען מעגליך זיין, האט שיער בערויבט איהר פערשטאנד.

אבער מענשען קענען איבערשטעהען צרות, און אויך פאסקארעלא איז איבער געשטאנען.

אנפאנגס, ווען זיא האט זיך איבערציינגט איבער דער וואהרהייט, איז זיא גע־פאלען אין א האלבען אונמאכט. דאן האט זיא געוויינט א גאנצע נאכט און אויף'ן אנדערן טאג, האט זיא זיך אבגעשלאסען אין איהר צימער און קיינעם ניט צוגע־לאזען צו זיך.

דיא דיענערשאפט האט ניט געקענט בעגרייפען וואס עס האט פאסירט מיט דער אימער גליקליכע פאסקארעלא, און יעדער האט זיך גע'סוד'עט אין הויז און געמאכט בעהויפטונגען, וואס האבען זיך מיט דעם ענין ניט אנגעהערט.

מיט א פאר טעג נאכדעם וויא פאסקארעלא האט זיך איבערציינגט, אז זיא שוואנגערט, האט זיא געוואגט ארויס צו געהן פון איהר צימער.

זיא האט פיעלע מאל נאכגעדענקט איבער דער אורזאכע פון איהר אונגליק, און וויא אלע פאנאטישע מענשען, אזוי האט זיא אויך ניט געזעהן פון וואנען דיא וואהרהייט שטאמט.

פאסקארעלא האט ניט בעגריפען, אז זיא האט געזינדיגט און פערבראכען גע־גען דער נאטור, דערמיט וואס זיא האט זיך, א יונגע, געזונדע און גוט גענעהרטע פרוי געוואלט אבצאמען פון לעבען און נימאלס מעהר הייראטען, וואס דיא נאטור פערלאנגט איז איין אייביגעס געזעטץ, און קיינע איינבילדונגען, גלויבעניש, פאנ־טאזיען און רעליגיאנען, קען דאס איבערמאכען.

אבער פאסקארעלא האט ניט אזוי געדיינקט, זיא דיא פרומע און גלויביגע האט ניט געקענט בעגרייפען, אז ניט הייראטהען איז א פערברעכען, אין געגענ־טהייל, זיא האט דאס גערעכענט פאר א גרויסע מצוה, און עס איז איהר קיינמאל ניט איינגעפאלען, אז דיא נאטור האט געזוכט א וועג זיך ארויסצורייסען, אויס צו ברעכען, און וועהרענד דיעזען שטרעבען האט זיא זיך ניט געקימערט וויא דאס וועט געשעהען.

יא, פאסקארעלא האט געפונען אנדערע אורזאכען, זיא האט געזעהען דאס גאנצע אונגליק שטאמט פון ביאנקא'ן, און זיא האט זיך אזוי געטראכט :

„ווען ביאנקא וואלט דא ניט געווען, וואלט פיליפא גאר ניט געוואוסט פון קיין פרויענצימער, ווען ביאנקא וואלט איהם ניט אנגעצויגען, וואלט ער צו־איהר ניט געקראכען, און זיא וואלט מיר ניט געקומען דערצעהלען אזעלכע זאכען, דאן

וואלט מיר נים איינגעפאלען איך זאל איהם געהן אויספראבירען, און.... יא, פון איהר שטאמט דאס גאנצע אונגליק!"

זיא האט אין ניעמאנדען געזעהען קיין גרעסערן פריינד, וויא אין דעם אלטען נייסטליבען, וועלכען זיא האט גערעכענט פאר זעהר פרום. זיא האט בעשלאסען לויז צו ווערען פון ביאנקא'ן דען יעדעס מאל וואס זיא האט אויף איהר געקוקט האט זיא זיך עראינערט אן איהר גאנצעס אונגליק.

זיא האט אלזא געשיקט רופען דעם נייסטליבען, און איהם מיטגעטהיילט, אז זיא וויל ענטלאסען ביאנקא'ן, און ער זאל איהר בעצאהלען פאר דער צייט וואס זיא איז בייא איהר געוועזען.

דער אלטער מאן האט איהר וואונש ערפיללט, ענטזאגט ביאנקא'ן, איהר בעצאהלט און אוועקגעשיקט א היים

„אבער ווארום איז דאס?" האט ער דערנאך געפרעגט. איבערהויפט וואס האט זיא מיר גראדע אויסגעפונען פאר דעם שליח? פאסקארעלא! פאסקארעלא! א פינסטערעס געהיימניס ליעגט בעגראבען אין דיין הארצען, און דוא ווילסט עס מיט ניט ענטדעקען!

---

22·

פאסקארעלא האט געהאט א פאלשען חשבון דערמיט וואס זיא האט גע־מיינט, אז ווען זיא וועט אוועק שיקען ביאנקא'ן וועט זיא שוין אן אלעמען פער־געסען.

הינטער איהר ברוסט איז געלעגען א שטארקע עראינערונג, וואס האט זיא דערמאנט אן איהר שרעקליכעס פערברעכען.

אין דיא ערשטע מאנאטע, האט זיא צייטענווייז פערגעסען, נור ווען דאס קינד האט אנגעפאנגען צו צייגען לעבען, איז זיא פערצווייפעלט געווארען.

זיא איז אבגעזעסען טעג און נעכט דענקענדיג און טראכטענדיג וואס עס קען זיין און וואס עס קען געשעהען. טויזענדער געדאנקען האבען דורכגעשאסען אין איהר קאפ און זיא האט צו קיין בעשלוס געקענט קומען. איינמאל, אין איהר ערשטע פערצווייפלונג האט זיא געטראכט, אז זיא וועט פערבארגען איהר שאנדע ביז דיא צייט וועט קומען צו ברייננען דאס קינד אויף דער וועלט, און דאן וועט זיא דאס קינד דערווערגען און ווארפען אריין אין וואסער.

אבער דיעזע אידעע האט זיך ניט פיעל געהאלטען, דען דיא מעכטיגע נאטור

איז ווידער ערשינען און געפארדערט איהר רעכט פון מוטער־ליעבע. פאסקארעלא האט שוין מיטלייד געהאט מיט דעם אונשולדינען נפש וואס האט געוואקסען הינטער איהר ברוסט, און וויינענדיג וויא אימער בייא אזעלכע ערשיינונגען, האט זיא אויסגעשריען צו זיך זעלבסט.

— איך קען ניט! איך קען ניט ערמארדען דאס קינד!

עס זיינען פאריבער נאך עטליכע וואכען און פאסקארעלא האט איינגעזעהען אז עס וועט איהר קיין זאך העלפען און זיא מוז זעהען עפעס צו טהאן.

דיא אונגליקליכע האט ניט געוואגט זיך און יעמאנדען צו פערטרויען, אבער ענדליך האט זיא בעשלאסען צו מאכען דעם שריט.

זיא האט געשיקט רופען דעם אלטען גייסטליכען.

דער אלטער איז ערשיענען. ער האט געוואוסט, אז פריהער אדער שפעטער, וועט פאסקארעלא מוזען ענטדעקען פאר איהם איהר געהיימניס.

זיא האט איהם געהייסען זיטצען, דאן האט זיא פערריגעלט דיא טהיר.

— פאטער! האט זיא אנגעפאנגען אויסברעכענדיג אין געוויין. „איך פערלאנג הילפע".

— פריהער גאט און נאכדעם איך, מיין טאכטער, בין איך בערייט דיר צו העלפען.

— איך דאנק אייך.

— רעד טאכטער, וואס דוא ווילסט, ווייל מיינע אויערן זיינען בערייט צו הערען.

— פאטער איך בין אונגליקליך!

— איך מערק עס מיר טאכטער.

— מיר קומט אויס מיר צו נעהמען דאס לעבען.

— זאג עס ניט, טאכטער, כל זמן מען לעבט, קען מען נאך תשובה טהאן, נאר ווען מען שטארבט, נאך פון אייגענער האנד, האט מען שוין גאר קיין תשובה ניט.

— אבער דאס לעבען איז מיר נמאס.

— תשובה און א ריינעם הארץ מיט חרטה, איז אנגענומען בייא גאט און מאכט גליקליך דעם מענשען.

— אבער וואס טהוט מען, ווען מען איז אונגליקליך כל זמן מען לעבט?

דער גייסטליכער האט געשוויגען נאר נאך א פויזע האט ער געזאגט:

— טרייסט זיך, טאכטער, עפען דיין הארץ פאר מיר.

— פּאַטער האָט זיא ארויסגעשטאַמעלט ענטשלאָסען איך וועל באַלד מוזען מוטער ווערען!

דער אלטער גייסטליכער איז וויא געטראָפען געוואָרען פון א בליטץ. אזא זאַך האָט ער איבער דער פרומער פאסקארעלא ניט ערוואַרטעט, וויא האט דאָס געקענט מעגליך זיין, ווען קיין מאן איז מיט איהר געקומען אין בעריהרונג?

אונטערדריקענדיג זיך פון זיין טרויער, האט ער אָנגעפאַנגען איהר אויסצורעדען און טרייסטען:

— עס איז גאָט׳ס ווילען, טאכטער, האָט ער געזאָגט. „גאָט האָט אזוי געוואָלט, ער וועט דיר פערצייהען“.

— אָבער וואָס טהוט מען פאַר דער וועלט?

— וואָס מיינסטו?

— וואס וועט מען זאגען, ווען מען וועט ערפאהרען, אז דיא גרעפינע פאסקארעלא בערטיני, האט געבראכט א קינד אויף דער וועלט אָהן א געזעצליכען מאן?

— אהה, איך פערשטעה.

— איך קען מיר קיין עצה ניט געבען, פאטער.

— וואס האסטו בעשלאסען צו טהאָן?

— איך ווייס נאָך ניט.

— ווילסטו דאס קינד האלטען פאר דיר?

— וועה איז מיר פאָטער! וואס רעדט איהר?

— דאן ווילסטו דאס קינד אוועקגעבען?

— יא.

— מאכט עס דיר אויס וואהין און צו וועמען?

— ניין. איך וויל נאר וויסען, אז דאס איז ניט געשטארבען דורך מיין האנד.

דער גייסטליכער האט נאכגעדענקט, דאן האָט ער בעמערקט גאנץ רוהיג.

— ווען דאס קינד וועט געבוירען ווערען, וועל איך דאָס אוועקנעהמען, איך וועל עס אוועקגעבען אין איין אנשטענדיגען פלאטץ, און איך פערזיכער דיך, אז דאָס קינד וועט האבען א גוטע און עהרליכע קריסטליכע ערציהונג.

פאסקארעלא האט אנגעכאפט דעם גלח׳ס ביידע הענד און זייא געקושט, איהם דאנקענדיג פאר דער טובה וואס ער וועט איהר טהאָן.

זיא האט זיך עטוואס א ביסעל בערוהיגט און זייא האבען אנגעפאנגען צו בעטראכטען אליין וויא דאס זאל געשעהען.

— וויים נאָך יעמאנד פון דיין צושטאנד, טאכטער? האט ער געפרעגט.

— ניין.

— ווילסטו אויך, אז ניעמאנד זאָל דערפון וויסען?

— יאָ.

— וויא ווערסטו דאס קינד ברענגען אויף דער וועלט?

— וויא גאָט וועט געבען.

— און קיינער זאָל דיר ניט העלפען?

— איך קען ניט, דען אויסער גאָט און איהר, וויל איך ניט, דאס נאך יע־מאנד זאָל וויסען פון מיין געהיימניס.

— הער מיך אויס, טאָכטער, האט דער אלטער ווייטער געזאָגט, אין דעם קלויסטער וואו איך האָב פערבראכט 30 יאהר פון מיין לעבען, האב איך אויך גע־לערענט ארצנייא. איך פערשטעה וויא צו זיין א העבאמע, ווען דוא ווילסט זיך אויף מיר פערטרויען, וועל איך זעהען דוא זאָלסט ברענגען דאס קינד אויף דער וועלט אונטער מיין אויפזיכט, און מיט גאָט'ס הילף, וועט דיר קיין בייזעס געשעהן. פאסקארעלא האט מיט דאנק דעם פאָרשלאג אָנגענומען.

---

## 23.

פיליפאָ האט בעריכטעט זיין מוטער, אז ער האָט גליקליך אנגעלאנגט נאך רוים, און זיין אָנקעל האָט איהם זעהר שעהן עמפפאנגען.

אויף א ין פלאטץ פון דעם בריעף האט ער אזוי געשריעבען:

אך, מוטער! ווען דוא זאלסט זעהען וויא מונטער און פרעהליך דאָ איז, וואלסטו אליין אויך פערלאָזען דיא שטילע ווילא וואו מען דארף נאך שלאָפען און בעטען גאָט, און געקומען אהער. דער אנקעל האט מיך זאפארט אריינגעגעבען אין דער ארמעע. דאָ איז א לעבען! מען שפיעלט מען טאנצט און מען אונטערהאלט זיך. דאס געלד וואס דוא האסט מיר מיטגעגעבען, איז באלד אוועקגעגאנגען. דער אָנקעל האט מיר געליהען א קליינע סומע, שיק עס איהם אב זאפארט, און פער־געס ניט, אז דאָ מוז איך האָבען א סך געלד.

פאסקארעלא האט איבערגעלייכט דעם בריעף דעם גייסטליכען, און אהנע איין אנדערע בעמערקונג, האָט זיא געזאָגט:

— ב ענטפערט איהר דעם בריעף און קיין נאמען שרייבט איהם ניט איך בין געזונד און דאָ האט איהר אויך דאס נעטהיגע געלד איהם צו שיקען.

דער אלטער האט געטהאן וויא זיא האט איהם געהייסען.

דיא צייט ווען דאס קינד האט בעדארפט געבוירען ווערען, האט זיך דער־

נעהנטערט. דער גייסטליכער און פּאסקארעלא האבען בעשפּראָכען אלע איינצעל־הייטען וויא דאס זאָל צוגעהן.

עס איז געבליעבען, דאס וואס זיא וועט דערשפּירען, אז זיא מוז ווערען מוטער, זאָל דער גייסטליכער אנצייגען, אז זיא איז קראנק, און קיינער, אויסער ער אליין, דארף זיא קומען בעזוכען.

מיט צוויי טעג איידער פּאסקארעלא איז געלעגען געוואָרען, האט זיא גע־שפּירט דיא לאַסט פון איהר געהיימניס נאך מעהר וויא אימער: זיא האט פיעל געקעמפּפט מיט זיך זעלבסט, ביז זיא האט געפּאסט א בעשלוס.

זיא האט געלאָזען אריינרופען איהר אלטען פערטרויטען גייסטליכען.

דער אלטער איז ערשיענען און אויף זיין געזיכט איז געלעגען א פראגענדע מיענע.

ער האט אָבער געשוויעגען.

פּאסקארעלא האט עטליכע מאָל געוואָלט רעדען, אָבער עס איז איהר אונ־מעגליך געוועזען צו עפענען דאס מויל.

דער גייסטליכער איז געוואָרען אונגעדולדיג און געפרעגט:

— דוא האָסט מיך גערופען טאָכטער?

— יאָ, האט זיא ארויסגעשטאַמעלט.

— דוא ווילסט מיר עפּעס זאָגען?

— יאָ.

— איך בין אלזאָ בערייט צו הערען.

פּאסקארעלא'ס געזיכט איז יעדעס מאָל בלייכער געוואָרען, דאן האט זיא אויסגעזעהען צו פּאסען מוטה און געפרעגט:

— הייליגער פאָטער! קענען אלע זינד פון א מענשען האָבען א כפּרה?

— יאָ, טאָכטער.

— וועלכע איז דיא גרעסטע זינד אין דער וועלט?

— אלע זינד זיינען גרויס, טאָכטער, זאָ לאַנג מען טרעט איבער גאָט'ס געבאָט.

— אָבער דאָך, איז עס קיין אונטערשיעד צווישען זינד און זינד?

— געוויס.

— צום ביישפּיעל?

— הרג'ענען א נפש איז א גרויסע זינד?

— איז דאס דיא גרעסטע זינד!

דער אלטער האָט אויפגעצויגען מיט דיא אַקסלען און געמורמעלט.

— ניין טאָכטער, איך וויים פון קיין גרעסערע זינד.

פאסקארעלא האט איהם אָנגעקוקט אייניגע אויגענבליק, דאַן איז זי צוגעגאַנ־
גען אהינטער צו איהר, און איז מיט אמאל געפאלען אויף איהרע קניע צו זיינע פיס.

— הייליגער פאטער, האט זי אויסגעשריען מיט א הייזעריגער שטימע, מיינע
זינד זיינען גרעסער וויא צעהן טויזענד מאָרדען!

זיא האט געבליבעט א היבשע צייט, דאַן האט זיא אָנגעפאנגען צו דערצעה־
לען אלעס, דאס גאנצע געהיימניס.

דער אלטער האט אָנפאנגס ניט געקענט פערשטעהן וואס זיא רעדט, און
ער האט פאר עטליכע מאל געמוזט איבערפרעגען.

ווען אלע איינצעלהייטען זיינען איהם קלאר געוואָרען, איז ער אָפּגעשפרונגען
פון איהר וויא פון א גיפטיגע שלאנג.

זעהענדיג זיין שרעק און אבשיי, האט זיא זיך געוואלט אויפהויבען, אבער
וועהרענד דעם איז זיא צוריק געפאלען אהנמעכטיג מיט א קראַך צו דער ערד.

דער אלטער איז געווען פערווירט און האט אייניגע אויגענבליק ניט געוואוסט
וואס ער זאל טהון. ער האט זיינע אייגענע אויערן ניט געקענט גלויבען.

ענדליך איז ער צו זיך געקומען און זיך אלעס איבערגעדענקט.

— עס איז וואהר, עס איז וואהר, האט ער געמורמעלט.

דאס בילד פון דער היקפלאָזע פרוי אויף דער ערד, האט איהם גערי‍הרט.
זיין ברוסט האט געשטורמט און ער האט געגעבען א זיפץ און איז צו איהר צוגעגאנגען
און זי אויפגעהויבען, אניעדערלעגענדיג אויפ'ן בעט, וואו זי האט זיך דערמינטערט.

— קיין, פערצייהונג, קיין כפרה, האט זיא געמורמעלט.

— טרייסט זיך טאָכטער, האט דער אלטער געזאגט וועהרענד דיא טרעה־
רען זיינען איהם געקומען אין דיא אויגען. גאט פערצייהעט אלעס, יעזוס קריס־
טוס האט געליטען פאר יעדען'ס זינד . דיין אויפריכטיגע חרטה, האט אָבגעוואשט
דיינע זינד.

דיעזע ווערטער האבען א ביסעל אויפגעמונטערט איהר גייסט, און מיט דער
צערטליכקייט פון איין אמת'ער טאָכטער, האט זיא געדאנקט דעם אלטען.

---

24.

עס איז געווען אויפ'ן דריטען אבענד נאָך דיעזען געשפרעך, ווען פאסקארעלא
האט אליין בעגעגענט דעם גייסטליכען אין הויף, און איהם מיטגערופען ארייננקר־
מענדיג אין איהר צימער, האט זיא געזאגט:

— איך דענק, אז דיא צייט איז געקומען.

— ווען? היינט? יעצט?

— יא.

זיא האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און ער האט גוט פעררינגעלט דיא טהירען.

פאסקארעלא האט פערביסען מיט דיא צייהן און האט דיא גאנצע צייט קיין קרעכץ ארויסגעלאזען פון איהר מויל.

ווען דאס קינד איז געבוירען געווארען, האט דאס דער גייסטליכער איינגע־וויקעלט אין מעהרערע טיכער. דאן האט ער געזאגט צו פאסקארעלאן.

— דוא מוזט דא בלייבען אליין ביז מארגען נאכמיטאג. איך וועל פערשלי־סען דיא טהיר און אנזאגען דער דיענערשאפט, אז מען דארף דיך ניט שטערען. דאן קום איך צוריק אום דיך צו פפלעגען ביז דאמאלס, וועל איך האפען, וועט דיך גאט בעהיטען פון צרות

ער האט בייא דיעזע ווערטער גענומען דאס קינד אונטער זיין ארעם, גע־עפענט דיא טהיר ארויס און ווידער בעפעסטיגט דיא טהיר. דאן האט ער מיט־געטהיילט דער אלטער קעכין, אז פאסקארעלא איז קראנק און ניעמאנד דארף זיא שטערען ביז ער וועט צוריק קומען, און דאס וועט ניט געשהען ביז מארגען נאכמיטאג.

ווען ער איז פערטיג געווארען מיט דיעזער אויפגאבע, האט ער זיך אומגע־ווענדעט מיט דעם בינטעל אונטער דער ארעם און איז ארויס אויף דער גאס. מיט א קורצער צייט שפעטער, איז ער פערשוואונדען געווארען אין דער נאכט פינסטערניס.

ווען דער גלח איז ארויס מיט דעם קינד, האט פאסקארעלא פרייער אויפ־געאטהעמט. זיא איז ווידער אמאל געווען פרייא פון איהר אונגליק. און זייענדיג זיכער, אז גאט האט מוחל געווען איהרע זינד, האט זיא זיך געשפירט מונטערער וויא אין דיא גאנצע לעצטע 9 מאנאט.

עס איז זעהר אינטערעסאנט צו שטודירען דא דיא דאפעלע געפיהלע פון א מענשען. פאסקארעלע האט געהאט א פאלקאמענע אורזאכע צו זיין מונטער און פרעהליך און גאנץ רוהיג, דאך איז זיא עס ניט געווען.

דאכט זיך, וואס נאך האט זיא געקענט פערלאנגען? גאט האט מוחל געווען אלע איהרע זינד און זיא איז שוין ווידער געווארען אזוי ריין און אונשולדיג וויא א שעפעלע; דאן האט זיא פאר דער וועלט, פאר לייטישע־טיילער, שוין אויך ניט

בעדארפט מורא האבען, ווייל דיא פרוכט פאָן איהר לייכטזינן, איז אוועק געגומען געווארען. ווארום אלזאָ איז זיא דאך געוועזען אונרוהיג?

אָט דיעזע אנגעלעגענהייט איז זעהר איין אינטערעסאנטע. זיא קען בעשפּראָ־כען ווערען פון פיעלע שטאנדפונקטען.

ערשטענס ווען דער פערקעהר פון מוטער און זוהן וואלט געוועזען אוננאטירליך, דאן וואלט ער קיינע פריכטע געטראגען. עס איז גראדע וויא מען זאל זאגען, דער פערקעהר צווישען א קוה מיט א פערד. דאס איז איין אוננאטירליכע צוזאמען קונפט און דערפאר טראגט זיא קיינע פריכטע. אבער דא זעהען מיר, האט דיא נאטור זעלבסט ניט פּראָטעסירט דאגעגען. קיין צייכען געגעבען, אז ער געהט פער־קעהרען מיט זיין אייגענע מוטער. דיא מוטער זעלבסט, אבוואָהל זיא האט געוואוסט האט זיא דאך ניט געקענט בעזיעגען נאטור'ס אונגעהייערעס דריינגען און צווינגען.

איהר אונרוהע און אייביגע חרטה, האט געמוזט שטאמען פון א גאנץ אנ־דערער זייט. עס איז געוועזען דיא איינגעפיהרטע מנהגים פון א היבשער מעהרצאהל פון דער מענשהייט אָט אזא מנהג, ברעכט אפילו א דין אין דער נאטור.

מיט דעם גאנצען פערצייהען, דורך דעם גלה, פון איהרע זינד, און מיט דעם גאנצען בעוואוסטזיין, אז זיא וועט בלייבען גראדע אזוי גוט און פרום פאר דער וועלט וויא פריהער, האט דיא מוטער זיך זעלבסט ניט געקענט פערצייהען און פערגעסען.

אין דער זעלבער צייט האט דיא רעליגיאָן איהר געבראכט הילפע. דיא דיא רעליגיאָן האט זיא געטרייסט און זיא האט בעשלאסען, נאך פרומער צו ווערען וויא פריהער און אפּפערן איהר גאנצעס לעבען צו תעניתים, ניט שלאָפען פיעל און געבעטע.

צו דער בעשטימטער צייט האט דער גייסטליכער צוריק געקעהרט און אָנגע־פאנגען צו פפלעגען זיינע פאציענטין. ער האט געטהאן אלעס מעגליכע פיר איהר, און אזוי וויא זיא איז געוועזען א פאָלקאמען געזונדע פרוי, האט זיא זיך באלד ערהאָלט.

דער אלטער האט אויך זעהר קלוג געהאנדעלט, און ניעמאנר פון דער דיענערשאפט האט געהאט דעם מינדעסטען פערדאכט איבער דעם וואס עס האט פאסירט.

וואס עס אנבעלאנגט פאסקארעלא'ן האט זיא אפילו אויף איהרע ליפּען ניט ארויף געבראכט א וואָרט פון דער פערגאנגענהייט. דער גייסטליכער האט אויך געשוויגען וויא א קבר שווייגט.

## 25.

דרייא גאנצע יאהרען זיינען פאַראיבער זייט יענער נאַכט וואס פּאסקארעלא האט געבארען איהר קינד. וועהרענד דיעזער צייט, האט פיליפּאָ צו איהר נאר גע־שריעבען, ווען ער האט פעי־לאנגט געלד און זיא האט איהם אימער געשיקט דאס דאס געלד דורך דעם גייסטליכען.

אין א טאָג איז דער אלטער גלח קראנק געוואָרען.

ער איז געלעגען אין זיין צימער וואס איז געוועזען בעשטימט ספּעציעל צוליעב איהם אין פּאלאסט פון דער ווילא. פּאסקארעלא האט איהם געליעבט נאך מעהר וויא איהר אייגענעם פאטער און זיין קראנקהייט האט זיא זעהר בעטריעבט. זיא איז דערפאר געזעסען טאג און נאכט נעבען זיין בעט און אלעס מעגליכע אנגעווענדעט אום איהם ווידער געזונט צו מאכען.

אין א פארטאָג, נאכדעם וויא פּאסקארעלא האט קיין אויג צוגעמאכט דיא גאנצע נאַכט, האט דער גלח געזאָגט;

— געה שלאפען, מיין קינד.

— איך קען ניט, עס איז מיר אונמעגליך צו שלאפען זאָלאנג איהר זייט קראנק. ווען איהר וועט געזונט ווערען, דאן וועל איך מיר אויסרוהען.

— געזונט ווערען? — האָט דער גלח געמורמעלט מיט א שוואכען שמייכעל.

— עס איז אונמעגליך. מיין קערפּער האט שון אָפּגעדינט דער נשמה איהר צייט, און יעצט מוז ער צוזאמען־ברעכען.

ער האט בייא דיעזע ווערטער געגעבען א גרויסען שלוקערץ און זיך אנגע־שפּארט מיטביידע הענד בייא זיין הארץ. זיין אויסגעמאגערטעס געזיכט איז שווארץ געוואָרען און זיין גאנצער קערפּער האט געציטערט וויא אין א פיעבער.

— וואס איז אייך, פאָטער? — האט פּאסקארעלא געפרעגט ערשראָקען.

ער האט געוואַרט עטליכע מינוטען ביז ער האט געקענט ענטפערען.

— דיא צייט איז געקומען! האט ער געמורמעלט, און איך מוז צוריק קעה־רען צו גאט.... פּאסקארעלא, מיין אונגליקליכע טאכטער, איך וויים, דוא האסט פיעל געליטען און ליידסט נאָך יעצט אויך. איך בעדויער דיך מיין קינד....

פּאסקארעלא האט געוויינט.

— מיט מיר אליין — האט דער שטערבענדער פאַרטגעזעצט, שטארבט דיין געהיימניס. עס איז א שרעקליכעס געהיימניס, נאר דוא ביסט ניט שולדיג גאט איז גערעכט.

פּאסקארעלא האט אופגעהויבען איהרע הענד, אומארמט דעם אלטען און אויסגעשריען:

— שטארבט ניט פּאָטער! לאזט מיר ניט צוריק אליין! ווייל איהר זייט מיין איינציגער פריינד!

דער אלטער האט ביטער געשמייכעלט.

— דער טויט, מיין קינד — האט ער געזאָגט איז גראָדע אזא נויטהווענדיגע זאך וויא דאס לעבען. מיר ווערען געבארען צום שטארבען. גאט וויל מיר זאָלען שטארבען. מיין לעצטע שטונדע האט געשלאָגען. איך האב זיך ניט געריכט עס זאל זיין אזוי שנעל. זאָנסט וואלט איך בעשטעלט א גייסטליכען ער זאָל שטעהען ביי מיין גסיסה. אבער עס איז גאטעס ווילען, און זיין ווילען מוז געשעהען. בלייב רוהיג פּאסקארעלא, ווייל איך האב דיר עפּעס מיטצוטהיילען. דוא געדענקסט דאס מיט דרייא יאָהר צוריק האב איך פון דיר אוועק גענומען דאס קינד און איך האב דיר פערשפּראָכען, אז דאס קינד וועט האבען א מוטער און פרומע קריסטליכע ערציהונג איך האב מיין ווארט געהאלטען. זעהסטו דארט אין מיין שראנק? דארט ליעגט א פערזיגעלטער דאָקומענט. ער בעלאנגט צו דיר. עס איז דיין געהיימניס, איך האב עס פאר קיין לעבעדיגען מענשען ענטדעקט. נעהם דאָס פּאפּיר.... מאקי יעצט, שוין, לעג עס אריין אין דיין קעשענע; טהו דער מיט וואס דוא ווילסט עס איז דיין געהיימניס.

דער אלטער האט מעהר ניט געקענט רעדען, און נאר צייגענדיג מיט דער האנד האט ער געוויזען וואו דאס דאקומענט ליעגט.

פּאסקארעלא האט ערפילט זיין וואונש; דאן האט ער נאך געמורמעלט עטליכע אונפערשטענדיגע ווערטער, א ציטער געטהאן און איז געבליעבען ליעגען טויט.

---

## 26.

דער אלטער גלח איז בעערדיגט געוואָרען מיט גרויס צערעמאניע, און פּאסקארעלא האט געלאזען אויפשטעלען א שעהנעם מאָנומענט אויף זיין קבר.

עס זיינען פאראיבער וואכען און יאהרען, און פּאסקארעלא האט אָנגעפאנגען לאנגזאמער צו פערגעסען און איהר מונטערקייט האט טהיילוויז צוריק געקעהרט.

פרום איז זיא אונטערדעסען געווארען נאך מעהר וויא פריהער, און זיא וואלט אויך גענצליך פערגעסען, אדער, וועניגסטענס אויף א לאנגער צייט פערגע-

סען, ווען איהר זוהן וואלט איהר ניט אפט געשריעבען בריעף פערלאנגענריג געלד.

יעדער בריעף פון פיליפאַ'ן האט ארויס גערופען בייא איהר דיא עראינערונג אָן דער פערגאנגענהייט און צוריק גערופען דעם טרויער.

אין א טאָג איז איהר אָנגעקומען אזא בריעף:

„ליעבע מוטער!

„מיין אָנקעל האט מיר ערנאנט אלס ערשטער אפיציער, און דוא קענסט דיר קוים פאָרשטעלען וויא גליקליך איך בין. אבער איך בין נאָך גליקליבער מיט דער אידעע. וואס נעכסטען מאָנאט געהען מיר אפּ אין קריעג. עס וועט זיין א לאנגער קריעג מיט דיא בארבארען, און איך האָף, אז איך וועל האבען א געלעגנע־הייט מיך אויסצוצייכענען.

„ענטשולדיג מיר מוטער ווען איך מוז פאר דיר מודה זיין אז זייט איך בין אוועק־געפאָרען פון דער היים. בין איך מעהר ניט אזוי פרום וויא געווען, איך האב ניט קיין מורא פארין טויט, אין איין עהרענהאפטע מלחמה. אבער איך וויל לעבען אום צו מאכען עהרע פאר אונזער הויז. בעט דוא אלזא פאר מיר ווייל איך ווייס אז דוא ביסט פרום און גאט וועט גיכער צו הערען דיינע תפילות וויא מיינע. בעט גאט ער זאל מיך לאזען לעבען און מיך בעהיטען פון דעם שונא'ס פיילען. ווען איך וועל צוריק קעהרען פון דעם קריעג, פערזיכער איך דיך, אז דוא זאלסט שטאל־צירען מיט דיין זוהן.

„פערגעס ניט, מוטער, מיר צו בעזאָרגען מיט דער נעטהיגער סומע געלד פיר דעם קריעג עס איז מעגליך אז דער קריעג זאל דויערן יאָרען לאנג.

„זייא געזונד און מונטער, און בעט פאר מיר. איך זעלבסט, האב איין אייזערנעם ווילען מיט אייזערנע מוסקעלען, וועלבע איך ווייס וויא צו בענוטצען אין מיין פערטהיידיגונג און אנגריף געגען דעם שונא.

פון מיר דיין זוהן

פיליפאָ."

מעהר וויא פאר אלעס האט פאסקארעלא זיך געשראָקען צו בעגעגענען איהר זוהן. זיא האט געוואוסט, אז עס וועט איהר אונמעגליך זיין צו בליקען אין זיינע אויגען און נעזיכט. דיעזע נאכריכט אז ער געהט אוועק אין קריעג האט זיא דער־פרייט אנשטאָט בעטריעבט.

זיא האט קיין צייט פערזאמט און איהם אוועק געשיקט א היבשע סומע געלד, און זיא האט זיך געשפירט ערלייכטערט אין איהרע גייסטיגע שמערצען.

פאסקארעלא האָט מעהר קיינעם ניט געהאט אויף דער וועלט וויא איהר

זוהן, און דאָך האט זיא זיך געוואונשען, איידער זיא זאָל זיך נויט איהם דארפען בעגעגנען בייא איהר לעבען, זאָל ער גיבער פאַלען אין קריעג.

דער אָבשייא פאר איהר טהאט איז געווען אונגעהייער און זיא האט געוואוסט. אז זיא וועט ניט קענען, אין איהר גאנצעם לעבען, בעגעגנען איהר זוהן׳ס בליק.

— איך וואָלט וועלען, — האט זיא געטראכט, ענטוועדער ער זאָל ערשיינען נאָך מיין טויט און ירשה׳ענען דאם פערמעגען, אדער......

זיא האָט געוואלט זאָגען, „אדער ער זאָל בעסער שטארבען פריער". אבער זיא האָט עס ניט געוואגט ארוים צו רעדען. נאָר זיא האָט דאס געמיינט.

פיליפּאָ איז אוועק אין קריעג געגען דיא בארבארען אין אזיען, און עס זיינען פאראיבער יאָהרען, וואס פאסקארעלא האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז פון איהם געוואָרען.

יעדע נאכריכט איבער איהם, פון דעם ווייטען שלאכטפעלד, איז אונטער־בראָכען געוואָרען, און נאָך א פערלויף פון גענויע 10 יאָהר האָט פאסקארעלא ניט מעהר געצווייפעלט אז איהר זוהן איז געווים אומגעקומען אין דער מלחמה.

---

## 27.

מיט א קורצער צייט שפּעטער, איז בעקאנט געוואָרען אז דער קריעג איז צו ענדע, און דיא צוריק געבליעבענע קריעגער קעהרען צוריק נאָך דער לאנגע יאָהריגע מלחמה, א היים צוא זייערע פאמיליע און פריינדע.

פאסקארעלא איז געווען האלב טרויעריג און האלב פרייליך. וואס פיליפּאָ איז־שוין מעהר נישטאָ אויף דער וועלט, און איהרע טעג מיט נעכט האָט זיא גע־אָפּפערט פיר געבעטע. דאן האָט זיא אָבגעשריעבען איהר גאנצעם פערמעגען פיר א נאָנען־קלויסטער און איהר איינציגער וואונש איז נאָר געווען, צו פערגעסען אָן דער פערגאנגענהייט.

אבער צו איהר ערשטוינען און אונערווארטונג, האט זיא פלוצלינג ערהאל־טען א בריעף פון רוים, וואו מען האט איהר מיטגעטהיילט, אז דער איינגסטער גענעראל פון דער ארמעע, פיליפּאָ בערטיני דער פערגעטערטער העלד פון פיעלע מלחמות, האט צוריק געקעהרט נאָך רוים און זיין עמפּפאנג איז עהנליך געווען צו דעם טריאומף־צוג וואָס מען האָט אָבגעגעבען טיטוס׳ן צור צייט ווען ער האט צו־ריק געקעהרט אלס זיעגער פון דעם לאנד יהודה. אבער צום בעדויערען פון דעם

דעם גאנצען פאָלק, איז דער גענעראל קראַנק געוואָרען און ער ליעגט אין א קרי־טישער לאגע. דאָס גאנצע פאָלק טרויערט נאָך איהם.

אונטערדעסען האט דער יונגער גענעראל אויסגעדריקט זיין וואונש, אז ער וויל זעהען זיין מוטער איידער ער שטאַרבט.

צו דיעזען צוועק זיינען אבגעשיקט געוואָרען א קאָמפּאַניע סאָלדאדען און א וואָגען מיט פערד, צו נעהמען פאסקארעלא בערטיני נאָך רוים.

ווען פאסקארעלא האט דאָס דערהערט, איז זיא בלאס געוואָרען. טראָטץ דעם וואס עס זיינען פאַראיבער אזוי פיעל יאהרען, האט זיא נאָך אימער ניט פערגעסען, און דיא אידעע, אז זיא וועט זיך מוזען בעגעגענען מיט איהר זוהן, האט זיא געבראַכט צור פערצווייפלונג.

אבער פאסקארעלא האט ניט פיעל געדענקט, און פעסט בעשלאָסען, זיך ניט צו זעהען מיט איהר זוהן, ווען זיא זאל אפילו מוזען זאָגען א גרויסען ליגען, וואס זיא האט בעטראַכטעט פיר איין עבירה.

זיא האט זיך באַלד אריין געלייגט אין בעט און ערקלערט, אז זיא איז קראַנק.

ווען דיא סאלדאטען זיינען אָנגעקומען, איז עס געוועזען צום ערשטען מאָל וואס א מאן אויסער דעם אלטען נייסטליבען און פיליפּאָ בערטיני האט איבער געטרעטען דיא שוועל פון דער ווילא. נאכדעם וויא אלעססאנדרא בערטיני איז געשטאָרבען.

עס איז געוועזען דער אפיציר, געשיקט פון רוים, צו נעהמען פאסקארעלא׳ן צו איהר זוהן׳ס שטערבע־בעט. דער אפיציער האט געטראָפען פאסקארעלא׳ן אין בעט.

זיא האט איהם מיטגעטהיילט, אז עס פרייט זיא זעהר צו הערען פון איהר זוהן׳ס בעריהמטהייט, און מיט איהר בעסטען ווילען וואלט זיא מיטגעפאָרען נאָך רוים איהם צו טרייסטען אויף זיין שטערבע־בעט, אבער זיא זעלבסט איז אויך זעהר קראַנק און עס איז איהר אונמעגליך צו פערלאַזען דאס בעט.

— איך בין זיכער, האט זיא געזאָגט צום שלוס, דאס אין פאל איך פערלאָז יעצט מיין בעט, דאן וועל איך קיין מאָל גרייכען רוים. עס איז מעגליך גאט זאָל העלפען מיין זוהן זאָל געזונד ווערען און דאן וויל איך ניט ער זאָל זיך פאַרווירפע מאכען, אז דורך מיר איז זיין מוטער געשטאָרבען.

דער אפיציער האט פּרובירט איהר איינצורעדען, אז זיא איז ניט זעהר קראַנק, אבער קיין זאַך האָט געהאָלפען. ער האט געמוזט צוריק קעהרען נאָך רוים אָהן ערפאָלג, וואו ער האט מיטגעטהיילט פאסקארעלא׳ס ווערטער.

28.

ווידער זיינען פאַראיבער איינינע וואָכען און פאסקארעלא האָט ערהאַלטען א בריעף פון איהר זוהן זעלבסט, אז ער איז געזונד. זיא האט גלייך געענטפערט. אז עס פרייט זיא וואס ער איז געזונד, און איהר אליין געהט עס אויך בעסער, נאָר, ווען זיא ווערט זיך שפירען פאָלשטענדיג געקרעפטיגט, דאן ווערט זיא איהם קומען בעזוכען אין רוים.

דאס האָט זיא נאָר געשריעבען, אום איהם אבצוהאלטען ער זאל צו איהר ניט קומען, און אין דער וואהרהייט געשפראָכען, האט זיא קיינמאָל ניט בעאבזיכטיגט איהם צו בעזוכען.

גענעראַל פיליפא בערטיני איז געוואָרען דער פערגעטערטער העלד פון דער רוימישער בעפעלקערונג, דיא גרעסטע מענער זיינען איהם געקומען זעהען, און דער קעניג האט נאכהער פעראנשטאַלטעט א גרויסארטיגען באנקעט צוליעב איהם.

דרייא וואָכען נאָכאנאנד האָט מען געפייערט דעם זיעג און זיך געפרייט מיט דעם גרויסען העלד וואָס איז געזונד געוואָרען.

דער נאמען גענעראַל פיליפא בערטיני איז נאכהער בעקאנט געוואָרען איבער דעם גאנצען לאנד, און דיא רייכסטע פאמיליען וואלטען זיך גליקליך געשעטצט ווען זייא וואלטען איהם געקענט געבען א טאָכטער פיר א פרוי.

ריא שענסטע דאמען האבען זיך ארום איהם גערדעהט און זיך צו איהם געשמייכעלט, אבער ער האָט ענטוועדער ניט געפונען קיין פאסענדע פאר איהם, אדער ער האט ניט געוואָלט הייראטהען.

אונטערדעסען האט ער אָנגעהויבען שטארק צו בייגקען אהיים, צו דעם פלאץ וואו ער איז געבוירען און אופגעצויגען געוואָרען. ער האט זיך ערא‌ינערט אָן זיינע קינדער־יאָהרען און אָן זיין מוטער, און א מאגנעטישע קראפט האט איהם געצויגען ער זאָל אהיים קומען.

ער האָט געפאסט דעם בעשלוס נאָך א מאָל צו בעזוכען זיין היימאטה און זיין מוטער, וועלכע ער האט פערלאָזען מיט גענויע 18 יאָהר צוריק. אין דער זעלבער צייט אבער האט ער אויך געוואלט אהיים קומען אונגעריכט און אונערווארטעט.

נאָכדעם וויא ער האט ערלעדיגט זיינע מיליטערישע, געשעפטען האָט ער פערלאנגט ערלויבנים ביים קעניג אייף 6 מאנאט אום ער זאָל אביסעל בערייזען דאס לאָנד.

דער קעניג האט איהם זאפארט דיא ערלויבניס געגעבען, און מיט עטליכע טעג שפעטער, האט ער פערלאָזען רוים אין דער בעגלייטונג פון זיינע אדיוטאַנ־טען און א קליינע אבטהיילונג סאָלדאטען פיר בעגלייטונג.

דער קעניג האט געלאָזען מעלדען איבער דאס גאנצע לאַנד, אין דיא גרויסע שטעדט, אז דער פיעל בעהריטמער העלד, גענעראל פיליפא בערטיני פאָרט ארום אויף א לוסט־רייזע, און מען זאל איהם עמפפאנגען מיט דער עהרע און אכטונג וויא איהם געהערט.

וויא פיליפא איז אנגעקומען אין א שטאָדט, האבען איהם דיא בעאמטע שוין געפרעגט וואוהין ער בעאבזיכטעט פון דארט וויטער צו פאָהרען. אלס מען האט דאס פון איהם ערפאהרען, האט מען גלייך מיטגעטהיילט אין דער אנדערע שטאדט, און ער איז איבעראל עמפפאנגען געוואָרען מיט קעניגליכער עהרע.

פיליפא איז געוועזען אויסער זיך פון דער עהרע וואס מען האט איהם אי־בעראל צוגעטהיילט, און ער האט געבליקט מיט ערוואַרטונג צו דער שטונדע, ווען זיין מוטער וועט בליקען מיט שטאָלץ אויף איהר זוהן וואס האט ערגרייכט אזא הויבע שטופע.

---

## 29.

דיא ווילא פערומיני, איז געלעגען 40 מייל וויט פון פלאָרענץ, און דער גראף אלפערדא פערומיני, דער אייגענטהימער פון דיעזער ווילא האט זיך ניט נאר גערעכענט אלס איינער פון דיא רייכסטע מענשען פון איטאליען, זאנדערן אויך אלס דער אנגעזעהנסטער אין לאַנד.

ער איז געוועזען דער אנפיהרער פון א מעכטיגער פאָליטישער פארטייא און זיין איינפלוס האט גערייכט ביז אין קעניגליכען הויף.

אלפערדא פערומיני האט דערפאר געהאט דיא זכיה, אָבוואהל ער האט ניט געוואהנט אין קיין שטאָדט, עס זאל איהם געלינגען צו פועל׳ן, דאס דער פיעל־בעריהמער העלד מיט זיין סוויטע, זאל קומען צו איהם אויף דער ווילא.

דיא גרעפין פערומיני, וועלכע איז געוועזען שטאָלץ אויף דיא העלדען פון איהר פאָטערלאנד, האט געמאכט אלע נויטהיגע פארבערייטונגען צוא עמפפאנגען דעם בעריהמטען יונגען גענעראל און דער גאנצער אדעל פון דעם אומגעגענד איז זיך אויך אהין צוזאמען געקומען.

נינא פערומיני, דיא איננסטע טאָכטער פון דעם רייכען גראף, א וואונדער־

באר שעהנעס מעדכען, האט געקראנגען נייע קליידונג פון איהר מוטער, אום צו זיין איינע פון דיא אנציהענדסטע יונגע פריילינס פיר דעם בעריהמטען גענעראל.

וויא מיר האבען שוין פריהער געזאגט האט יעדער פאטריאטישער איטאליענער, ווען ער האט געהאט א טאכטער, זיך געוואלט משדך זיין מיט דעם גרויסען זיעגער און יונגען העלד.

פיליפא איז געוועזן א וואונדער שעהנער מאן, קיין פרויענצימער וואלט זיך ענטזאגט מיט איהם צו הייראטען. אבער אויסער זיין שעהנהייט, האט זיין ראנג און זיין בעריהמטהייט געשפיעלט מעהר ראללע. ווען ער וואלט אפילו געוועזן מאוס וואלט זיך אויך קיין יונגעס פרויענצימער ענטזאגט מיט איהם צו הייראטען, דען זיין בעריהמטהייט איז באלד אזוי גרויס געוועזן וויא דיעזע פון דעם קעניג.

צו הייראטהען מיט דעם גענעראל פיליפא, האט געהייסען, זיך איינצוקויפען אין דעם גרעסטען יחוס.

נינא פערומיני איז געוועזן א מיידעל פון א יאהר 17, אבער זיא האט אויסגעזעהען עטוואס עלטער. דאס איז ניט געוועזן דערפאר ווייל זיא האט ניט גוט געלעבט אדער איהר געזיכט איז געוועזן געעלטערט, אין געגענטהייל, זיא האט נאך צו גוט געלעבט. זיא איז בלויז געוועזן איינע פון דיעזע פרויענצימער וואס איז גלייך צו דיא פרוכטען וואס צייטיגען זיך שנעל, זייא דויערן אויך מעהר וויא דיעזע וואס צייטיגען זיך שפעט.

פריילין נינא איז געוועזן הויך, שלאנק און איהר בוזים איז געוועזן שטארק ענטוויקעלט, זא דאס איהרע יונגע אבער היבשע ברוסטען, האבען זיך ניט געקענט בעהאלטען אין איהר געפאסטעס קלייד. איהר געזיכט מעהר ווייס וויא ברונעט, האט אויף זיך געטראגען דיא פרישקייט פון א בלום, און איהרע ליפען האבען, אויסגעזעהען וויא צוויי לאנגע בלעטלעך פון א רויז. איהרע באקען, פול און רונד, האבען פארגעשטעלט וויא צווייא פארטיגע עפעל טיט רויטע פארבען אויף וועלכע עס ליגט דער מארגען-טהוי. פון צווישען איהרע לאנגע ווימפערן האבען ארויס געבליקט צווייא אויגען וויא ברענענדע קוילען פייער. און אימער האט מען געקענט לעזען דארט א גליקליכען שמייכעלע.

איהרע ברעמען זיינען געוועזן אויסער ארענטליך שווארץ און זייא האבען געבילדעט א גרויסען אבער אנגענעהמען קאנטראסט צו איהר הויכען און ווייסען שטערען.

גלייך מיט אלע מיידלעך, אזוי איז אויך נינא נייגיעריג געוועזן צו זעהען דעם גרויסען העלד און זיעגער איבער וועלכען דיא גאנצע וועלט האט געשפראכען.

ווען דיא מיידלעך האבען אונטער זיך גערעדט איבער גענעראל פיליפא האבען זייא דערצעהלט נאטירליך פון הערען, אז ער איז דער שענסטער מאן וואס האט נאך אמאל געלעבט אויף דער וועלט. דער צו האט נאך יעדע צוגעלענט פער־שיעדענע אנדערע מעלות איבער איהם. און מאנכע מיידלעך זיינען אזוי נייגיעריג געווען איהם צו זעהען, אז זייא וואלטען גענאנגען מייכען־ווייט צו פוס אום אויף איהם צו בליקען, נאר דיא עלטערן האבען דאס פערבאטען.

איבערהויפט זיינען ניט פיעלע עלטערן צופריעדען געווען זייערע טעכטער זאלען זעהען דעם בעריהמטען און שעהנעם העלד, דען מען האט דערציילט, אז מעה־רערע מיידלעך האבען זיך שוין אין איהם פערליעבט, און וויסענדיג, אז זייער ליעבע איז האפנונגסלאז, האבען זייא נאכהער בעגאנגען זעלבסטמארד.

נינא איז אלזא ניט אומזאנסט נייגיעריג געווען צו זעהען דעם העלד, אבער יא האט בייא זיך געטראכט אז זיא וועט זיך אין איהם ניט פערליעבען.

— איבריגענס, האט זיא געזאגט צו זיך אליין — וויים איך גאנץ גוט מיין ווערטה. איך וויים, אז איך בין זעהר שעהן, און דערצו איז גראף פערומיני מיין פאטער. דאס בעדייטעט אזוי פיעל, אז גענעראל פיליפא בערטיגי, האט זיך מיט מיר ניט וואס צו ווארפען, ווען איך וועל איהם יא וועלען, דאן האט ער מיט מיר צו טהון.

דאס איז אמת, נינא האט געקענט איהר אייגענע קראפט, און זיא האט גע־וואוסט, פון ערפאהרונג, אז מיט א בליק פון איהרע צויבערישע אויגען, איז זיא אימשטאנדע געווען צו ווארפען דעם מעכטיגסטען מאן צו איהרע פיס.

אבער ביז דאמאלס האט זיא נאך ניט געפונען קיין פאסענדע פארטיע פיר זיך, און זיא פלעגט בלויז האבען פערגניגען דערפון, ווען זיא האט געזעהען פיר זיך קניען יונגע לייט און ערקלערען זייער ברענענדע ליעבע. זיא איז אלזא בייא זיך זיכער געווען, אז גענעראל פיליפא איז אויך ניט מעהר וויא א מאן, און וועלכער מאן פאלט ניט פאר א וואונדערבארע שעהנהייט.

אין דעם טאג, ווען פיליפא האט בעדארפט אנקומען אין דער ווילא, האט גראפין פערומיני געהאט איין אונטערהעדונג מיט איהר טאכטער.

— נינא האט דיא גראפין געזאגט צערטליך.

— יא, מוטער.

— איך וויל מיט דיר עפעס רעדען.

— דיין טאכטער איז בערייט צו הערען.

— און אויך צו פאלגען?

— יא מוטער.

דיא גרעפין, וועלכע איז ניט געווען קיין מיאוס'ע פרוי. האט אומארמט איהר שעהנע טאכטער און זיא געקושט.

— איך וויל האפען, טאָכטער. האט דיא גרעפין געמורמעלט, אז איך וועל נאָך דערלעבען מיט דיין פאָמער, און דיר צו האבען נחת.

— יא, מוטער, איך ווינש עס דיר פון דעם גאנצען הארצען.

— הער אויס, מיין קינד. דוא ביסט שוין ארויס פון דיא קינדער-שיכלעך. יעצט ביסטו איין ערוואקסענעס פריילין און דיא צייט איז געקומען דוא זאָלסט הייראטען.

— הייראטען, מוטער ?

— יא, טאָכטער, הייראטען. איך האב אויך געהייראטעט. דערפאר איז ניטאָ זיך צו שרעקען.

— אבער מוטער, דוא ווייסט דאָך, איך בין בלויז 17 יאָהר אלט.

— דאס מאכט ניט אויס,

— און ווער איז דער חתן ?

— אָט דאריעבער וועלען מיר טאקי רעדען. דעם חתן קען איך אליין אויך ניט.

נינא האט פריייער אויפגעאטהעמט, זיא האט געקענט אלע יונגע לייט פון דער אומגעגענד וואס האבען זיך צו איהר געשרבנט, און זיא האט קיין איינציגע געוואלט האבען פאר א מאן. הערענדיג אלזא, אז איהר מוטער מיינט ניט קיינעם פון דיא בעקאנטע, האט זיא זיך בערוהיגט.

— אזוי, מוטער ! האט זיא געזאגט לאַכענדיג מיט איהר שעהנער און מונטערער שטימע. אז דוא רעדסט מיר א חתן וועמען דוא קענסט נאָך גאר ניט. גוט, דאס איז זעהר אינטערעסאנט. איך בין בערייט צו הערען.

דיא גרעפין האט אנגענומען איהר טאָכטער בייא איין ארעם און מיט איהר אוועק צווישען דיא בוימער.

— דוא ווייסט דאך ווארשיינליך, האט זיא געזאגט, אז דיא הייראטה מיט אזא מאן וויא גענעראל פיליפא בערטיני, איז ניט נאר א גרויסע עהרע פאר דער פרוי, זאנדערן אויך פאר איהר פאמיליע ?

— יא, מוטער, דאס ווייס איך.

— יעצט קומט דער גענעראל צו אונז אין בעזוך, איך וויל דוא זאלסט דיך ניט בענעהמען געגען איהם אזוי שטאלץ וויא געגען אלע אנדערע יונגע לייט.

— אבער ווען ער וועט מיר דאך ניט נעפעלען ווערען ?

— דומהייטען מיין קינד ! ער וועט דיר יא געפעלען ווערען. איך האב גע־הערט, אז ער איז זעהר א שעהנער מאן, איבריגענס, ווען ער איז אפילו ניט אזוי שעהן, איז זיין ראנג און בעריהמטהייט שעהנער וויא אלעס,

— איך פערשטעה.

— זעה דוא זאלסט נושא חן זיין אין זיינע אויגען. דיין פאטער און איך. וועלען זיך שעטצען פאר דיא גליקליכסטע מענשען אין דער וועלט, ווען עס וועט אונז געלינגען איהם צו האבען פיר אונזער איידעם.

נינא האט פערשפראכען איהר מוטער, דאס זיא וועט טהון אלעס מעג־ליכע צו געווינען דעם יונגען גענעראל, כל זמן דאס וועט נאר ניט בלאמירען איהר עהרע.

---

30.

א קאפעליע מוזיק האט אנגעצייגט דיא אנקומט פון דעם גענעראל.

דיא אדעללייט, דיא בויערן, דיא פרויען און קינדער אלע האבען עמפפאנגען דעם גרויסען קריעגער מיט א דונערענדען הורא געשרייא, וועהרענד דער לעצ־טער איז נאך געזעסען אויף זיין פערד.

דאן איז פיליפא ארונטער פון זיין פערד און איז געבליעבען שטעהן אין גאלד געשטיקטער אוניפארמע, גראד וויא א פאלמען בוים און אזוי שעהן וויא א גאט.

ער האט גוט מוטהיג געשמייכעלט צו דער גרויסער מענגע מענשען ארום איהם, און דאן איז צו איהם צוגעגאנגען גראף פערומיני און זיך פארגעשטעלט. נאכדעם האט געפאלגט דיא פארשטעלונג פון דעם איבריגען אדעל און צום שלוס, איז פארגעשטעלט געווארען דיא גרעפין, נינא און אלע איבריגע אדעל־פרויען.

דער העלד איז אריין גענומען געווארען אין פאלאסט און עס האט געפאלגט א גוטער מיטאג מיט גוטען ווייז. דאן האט מען געשפיעלט, זיך אונטערהאלטען ביז עס איז נאכט געווארען, און דער העלד איז געגאנגען רוהען, ווייל ער איז געווען מיעד פון דעם וועג.

ווען דיא דיענער האבען אנגעצייגט, אז פיליפא איז געגאנגען שלאפען האבען דיא דאמען זעהר פיעל געשפראכען איבער פיליפא׳ן. יעדע האט צוגעגע־בען, אז ער איז אזוי שעהן וויא גרויס זיינע העלדענטהאטען זיינען. מאנכע

מיידלעך וואס האבען פריהער געלאכט פון אנדערע וואס האבען בענאנגען זעלבסט־מאָרד אוים ליעבע צו איהם, האבען זיך מעהר ניט געוואונדערט וויא דאס קען מעגליך זיין.

יעדע איינציגע, זאָגאר דיא פערהייראטעטע, האבען מודה געווען, אז עס איז זעהר לייכט זיך צו פערליעבען אין איהם.

און וואס זאָגסטו ? האט דיא גרעפין געפרעגט נינא'ן ווען זייא זיינען גע־בליעבען אליין.

— וועגען וואס פרעגסטו ?

— איך מיין וועגען דעם גענעראל.

— אָה, ער איז א ליעבער מענש.

— אבער אויך שעהן ?

— יא.

— וואלסטו וועלען מיט איהם הייראטהען ?

— אך, מוטער, דוא שטעלסט אזעלכע פראגען, וואָס מיידלעך בעענטפערן קיינמאָל ניט דירעקט.

— עס פרייט מיך, נינא, וואס ער האט בייא דיר נושא חן געווען.

נינא האט געלאכט.

— דוא פרייסט דיך. האט נינא געזאָגט וואס ער האט בייא מיר נושא חן געווען. וואס ער זאָגט ווילסטו ניט וויסען ?

— ניין.

— ווארום ?

— ווייל איך בין זיכער, אז דוא וועסט בייא איהם אויך נושא חן זיין, אך נינא מיין קינד ! איך האב איהם אויפגעפאסט די גאנצע צייט, וויא ער האט פון דיר קיין אויג ניט ארונטער גענומען. דאן, נינא, האסטו אליין קיין בעגריף ניט פון דיין ליעבליכקייט. עס גיבט קיין מאן אויף דער וועלט וואס זאל קענען ווידער־שטעהען דיין צויבער. דוא וועסט בעזיעגען דעם שטארקסטען מאן ווען דוא זאלסט נאר וועלען.

— אבער מוטער, האט נינא אנגעווענדעט, האט דען גענעראל פיליפא מעהר ניט געזעהען אזעלכע שעהנע מיידלעך וויא איך בין אין גאנץ איטאליען ?

— ניין !

— ווארום ?

— ווייל, ווען ער וואכט ווירקליך בעגעגענט, וואָלט ער יעצט ניט מעהר

געוועז אונפערהייראטעט.

— און גלויבסטו, אז איך בין דיא שענסטע פון גאנץ איטאליען ?

— יא !

גרעפין פערומיני האט קיין ליגען געזאגט, נינא איז ווירקליך געוועזן דאס שענסטע מיידעל פון גאנץ איטאליען,

---

31.

אויף'ן אנדערען מארגען, ווען פיליפא איז ווידער ערשיענען אונטער דער פאמיליע פערומיני, האט ער צייט געהאט בעסער צו בעטראכטען נינא'ן. איהר אויסער אָרענטליכע שעהנהייט, האט איהם איבעראשט מעהר וויא אירגענד א פרויענצימער וואס ער האט נאך ביז דאמאלס געזעהען.

דערצו האט זיא געהאט א שעהן־קלינגענדע שטימע, און יעדעס װארט װאס איז ארויס פון איהר מויל, האט געקלונגען וויא מוזיק.

פיליפא איז געוועזן זיכער דאס קיין מעדכען וועט איהם ענטזאגען איהר האנד, און דערפאר, האט ער ביז דאמאלס, געשפירט איין ארט גרויסקייט און העכערקייט איבער יעדעס פרויענצימער, אין נינא'ס געגענוואַרט, איז ער אָבער געוועזן בעזיעגט. ער האט זיך געשפירט קלענער און ניעדריגער פון איהר, און ער האט זיך אויך געפרעגט, אויב זיא וואלט גאר איינגעשטימט מיט איהם צו הייראטהען.

נינא האט ניט נאר געקענט איהר מאכט, זאנדערן זיא האט אויך געוואוסט וויא דיעזע צו בענוטצען. זיא האט פערשטאנען, אז אין איהרע אויגען ליעגט מאַג־נעטישע קראפט און זיא האט איהר בליק פערווענדעט וויא מען דארף.

זיא האט געוואוסט גאנץ גוט, אז פיליפא פאסט אויף אום צו זעהען איהרע קויל־שווארצע אויגען. דאפיר אָבער האט זיא געהאלטען דיא אויגען פון איהם אָב־געווענדעט און איהם געמאכט א חיבשע צייט נייגיעריג. דאן האט זיא פלוצלונג אויפגעהויבען איהרע אויגען צו איהם, און עס האט זיך פיליפא'ן דאמאלס געדוכט אז ער עמפפאנגט א שטראם ברענענדע זונען־שטראהלען אין וועלכע ער קען ניט קוקען.

זיין גאנצעם בלוט האט אויפגעקאכט און זיין הארץ האט געקלאפט וויא מיט שרעק.

דער העלד פון אזוי פיעלע מלחמות, גענעראל פיליפא, וועלכער האט מיט זיין שווערד געמאכט א וועג צווישען טויזענדער בארבארען און געקאכט פון דעם

טויט, האָט צום ערשטען מאָל אין זיין עפּענטליכעם לעבען, געשפּירט שרעק און ציטערניס אין דער געגענוואַרט פון א פּרויענצימער.

גראף פּערומיני, אָבוואָהל ער איז אויך געווען ביי דיעזער סצענע, האט דאס אַלעס ניט בעמערקט זיין פּרוי אבער, האט אַלעס גוט געזעהען, און עס האט זיא געפרייט וואָס נינא האט בעזיעגט דעם לייב. זיא האט זיי נאָך ערמונטערט צו זיין אַליין און האָבען איין אונטעררעדונג.

צו דיעזען צוועק האט זיא איינגעלאַדען דעם גענעראַל מיט זיינע אַדיוטאַנטען אין גאָרטען, און זיא מיט נינא'ן און מיט דעם גראף, זיינען נאכגעגאנגען.

ווען זיי זיינען אַלע אַרויס אין גאָרטען, האָט זיך פּיליפּאָ געווענדעט צו זיין ערשטען אַדיוטאַנט.

— וויא געפעלט דיר דאס מעדכען? האט ער געפרעגט.

— זיא איז א וואונדערבאַרע שעהנהייט.

— ניט וואהר?

— אייער עקסעלענץ, גלויב איך, געפעלט זיא אויך!

יא, דאס איז וואהר. דיעזעס מעדכען אינטערעסירט מיך מעהר וויא אירגענד א פרויענצימער ביז יעצט.

— דאַן זאָל אייער עקסעלענץ נאכפרעגען איבער דער פאמיליע.

— איך האב שוין נאכגעפרעגט, און דיא פאמיליע פּערומיני איז איינע פון דיא עלטעסטע און געעהרטעסטע אין דער געגענד.

וועהרענד דעם איז צוגעקומען דיא גרעפין מיט נינא'ן, און איינגעלאַדען דעם גענעראַל צו בעזוכען א געוויסען ווינקעל אין גארטען, וואו דיא נאַטור האט אויסגעגאָסען א זעלטענעם חן איבער דיא בלומען און גרינע צווייגען.

פּיליפּאָ האט אנגענומען דיא איינלאַדונג.

הינטער א דאך פון פערשיעדענע קאָלירטע בלומען, האָט פּיליפּאָ גענומען פּלאַמץ און דיא גרעפין, מיט איין אויסרייד, האָט צוריק געלאָזען נינאַן און איז אוועק.

פּיליפּאָ האָט קיין מוטה געהאַט צו עפענען א געשפּרעך, נאָר נינא, זעהענדיג, אז ער שווייגט, האט זיא געפרעגט:

— וויא געפעלט אייך אונזער געגענד?

— הערליך, שעהן, בעצויבערענד! האט ער אויסגערופען בעגייסטערט.

— שעהנער וויא אין דיא גרויסע שטעדט?

— דאָ איז א גן־עדן. איך וואלט דא גיכער געלעבט וויא אין דיא גרויסע שטעדט.

— און וואס וואלט איהר געטהאָן מיט אייער סאָלדאטען לעבען?

פיליפאָ האָט זיך פערטראכט אויף איהר געזיכט און ניט געקענט ענטפערן.

— וואָס בליקט איהר אזוי אויף מיר? האט זיא פלוצלינג געפרעגט מיט איין אונשולדיגען געלעכטער.

— איך? הא! יא! ענטשולדיגט מיר, איך קען מיך ניטצוריק האלטען אייך צו בעוואונדערן.

— ווירקליך?

— יא, מיין פרייליין.

— זאָגט איהר עס מ י ר נאר אזוי, אדער איהר האט דאס שוין געזאָגט צו מעהרערע פרויענצימער?

— ביי מיין עהרע, פרייליין, אז איהר זייט דיא ערשטע אזוי ארויסצורופען מיין בעוואונדערונג!

זיא האט ארונטערגעלאָזען איהרע אויגען און ביידע זיינען געבליעבען זיצען שטיכשווייגענד אויף א היבשע צייט.

דאן איז פיליפאָ'ס בליק געפאלען אויף נינא'ס שעהנע האנד. זיך ניט קענענדיג צוריק האלטען, האט ער דיזע אנגעכאפט מיט ווילדער ליידענשאפט און זיא געקושט.

— ניין, ניין, האט זיא געזאָגט זיך לאנגזאם בעפרייענדיג.

— פרייליין! האט ער אויסגעשריען, קען איך האָפען?

— איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט.

— קען איך האָפען איהר זאָלט ווערען מיין פרוי?

— אייער פרוי?

— יא! איך וועל אייך גליקליך מאכען, איהר וועט זיין מיין קעניגין, מיין הערשערין, און אלע פרויען וועלען אייך מקנא זיין.

נינא האט געשוויגען, און פיליפא האט געוואגט צו לעגען דיא האנד אויף איהר שולטער.

— קען איך האפען, פריילין? האט ער נאָך אמאָל געפרעגט שטאמלענדיג.

— איך ווייס ניט, האָט זיא געענטפערט.

— ווער דען ווייס?

— מיינע עלטערן, פרעגט זייא און זייא וועלען אייך זאָגען.

— און איהר אלזא גיבט מיר האָפנונגען ?

זיא האט ווידער געשוויעגען.

מעהר האט ער זיך שוין נישט געקענט צוריק האלטען און ער האָט זיא אומארמט, אבפרעסענדיג א קוש אויף איהרע רויטע ליפּען.

מיט א האלבע שטונדע שפּעטער, האט דיא אלטע גרעפין בעגעגענט איהר טאָכטער מיט א נייגיעריגען בליק.

— אלזאָ ? האט זיא געפרעגט.

— ער האט מיר שוין אנגעטראָגען !

— וואָס ?

— איך זאל ווערען זיין פרוי.

— און וואס האסטו איהם געזאָגט ?

— נאר ניט.

— האסטו איהם אקצעפּטירט ?

— ניין.

— וואס רעדסטו ?

— וואס הייסט איך זאל איהם אקצעפּטירען אזוי מיר־ניט דיר־ניט ? וואס ער איילט זיך, איז נאָך קיין ראיה ניט, אז איך דארף מיך אויך אייכען.

— אבער דאָך, האסטו איהם געגעבען האָפנונגען ?

— איך האָב איהם ניט געזאָגט, ניט יא, און ניט ניין, זאָנדערן איך האָב איהם געשיקט צו מיינע עלטערן זייא פרעגען.

דאנקען גאָט ! האט דיא גרעפין אויסגעשריען, און פאר פרייד האט זיא אומארמט נינא'ן און זיא געקושט.

---

## 32.

אבענד איז געגעבען געוואָרען דער גרויסער באנקעט צוליעב דעם העלד.

דיא מיידלעך פון דעם אדעל, זיינען אלע געוועזן געקליידעט פערפיהרעריש נאָר פיליפּא האט קיין איינציגע געזעהען אויסער נינא'ן. דיעזע שענהייט אליין, האט פאר איהם געלעבט און עקזיסטירט.

ווען דער עולם האָט זיך אביסעל גוט צוהוליעט, האט אויך פיליפּא, פון אזוי פיעלע פאל „לחיים" טרינקען, אריין געגאָסען היבשע עטליכע גלעזלעך וויין און ער זיך געשפּירט מונטער וויא געוועהנליך. ער האט זיך דערמאנט אָן נינא'ס ווערטער

אז אלעם היינגט אָפּ פון איהרע עלטערען. נאַנאַ'ס בליק יעדעס מאָל פון געגענאיבער דעם טיש. האָט איהם פערווירט.

פערגעסענדיג אָן זיין ראנג און זייענדיג בעטרונקען פון ווין און ליעבע, דאָט ער זיך אויפגעהויבען און מיט אביסעל סאָלדאַטזקער ברוטאַליטעט, האָט ער זיך געווענדעט צו גראַף פערומיני מיט דיעזע ווערטער :

— גראַף ! צווישען דיא באַרבאַרען האָב איך געקעמפפט פיר דאס פאטערלאַנד. איך ווער בעעהרט פון איבעראַל, יעצט וויל איך אויספּראָבירען אויב מען מיינט עס ערנסט מיט מיר. פערשפּרעכט מיר פאָראויס צו ערפיללען מיינע א ביטע, נאָך איידער איך האָב געשטעלט דעם פערלאַנג.

ווערענד זיין קורצער רעדע, האָט יעדער געשוויעגען מיט געשפּאַנטער נייגיערינקייט. דער גראַף איז געוועזן איבעראַשט, און נאָך ניט וויסענדיג וואָס פאַר א ביטע דאס קען זיין, האט ער געצענערגט.

— זאָגט ענטפערט, האָט פיליפּא געדרונגען — פערשפּרעכט איהר עס מיר ? ווער פון אייך, איטאַליען'ס אדעל, וועט מיר ענטזאגען א ביטע ?

איינינע שטימען האבען אויף איינמאָל אויסגעשריען :

— קיינע !

— דאַן פערשפּרעך איך אייך אויך צו ערפילען אייער וואונש — האָט פערומיני געענטפערט.

— איך דאַנק אייך, האָט פיליפּא געזאגט צוריק קריענענדיג זיין העפליכען טאָן. מיין וואונש איז, איהר זאָלט מיר געבען אייער שעהנער מאָבטער פיר א פרוי.

נינא האט זיך אביסעל פערשעהמט. אלע אנוועזענדע, צופריעדען און אונצופריעדען, האבען געקלאַפּט בראַוואָ, און דיא מיידלעך פון דעם אדעל, האבען אויף נינא'ן געקוקט מיט קנאה.

— מיין ווארט איז נענעבען געוואָרען. האָט דער גראַף געזאָגט נאכדעם וויא דער רעש איז פאָראיבער. איך בערייהע ניט דארויף. אין געגענטהייל, איך בין שטאָלץ, יעטצט וועל איך אייך אויך געבען מיין זעגען ?

נינא, מיט אָרונטערגעלאָזטע אויגען איז ארויסגערופען געוואָרען און געשטעלט נעבען פיליפּאָ'ן, וויא דער גראַף און דיא גרעפין האָבען זיי געבענשט.

אין דיעזער נאכט, איז קיינער מעהר פון דיא געסט אהיים געגאַנגען, און יעדער האט געפייערט דיא פערלאָבונג פון גענעראַל פיליפּאָ מיט דער שעהנער נינא.

גאנץ פריה איז אָבגעשיקט געוואָרען א רייטער נאָך רוים, אָנצוציינען דעם קעניג איבער דער פערלאָבונג פון פיליפּאָ'ן מיט גראף פערומיני'ס טאָכטער.

וואס עס אנבעלאנגט פיליפּאָ'ן, איז ער דאָרט נאָך פערבליעבען א פּאָאר טעג. ער האָט אָנפאנגס בעשלאָסען צו ברענגען זיין מוטער אהין, נאָר ניט וועלענדיג ווארטען מעהר, האט ער געפאסט איין אנדערן בעשלוס.

ער זאל איינענטליך אָבגעמאכט ביי זיך אליין, זאָפאָרט צו הייראטהען מיט נינא'ן און נאָך דער חתונה, זאָל ער זיא נעהמען און מיט איהר פאָהרען בעזוכען זיין מוטער.

נינא האט אפילו ניט בעשטאנען דארויף אזוי שנעל צו הייראטהען, נאָר ווען פיליפּאָ האָט דאריבער געשפּראָכען מיט איהרע עלטערן, האָבען דיעזע איינגעשטימט.

— וואס איז דער אונטערשיעד? האט דער גראף בעמערקט, פריהער אָדער שפּעטער, הייראטהען מוז מען דאָך, ווען דער גענעראל פערלאנגט דאס, דאן זאָל זיין וואונש ערפילט ווערען.

דיא גרעפין איז אויך דארויף בעשטאנען, און עס זיינען אויסגעשיקט געוואָרען רייטער אָנצוציינען אין דער נאכבארשאפט אונטער דעם אדעל, אז צום שלוס פון דער וואָך, וועט שטאטפינדען דיא הייראטה.

אויף דיעזער ארט, האט גענעראל פיליפּאָ געהייראטעט מיט נינא'ן, און נאָך א שענערעס פּאאר, האט מען זאָגאר אונטער דעם בלויען הימעל פון איטאליען, ניט בעדארפט ווינשען.

פיליפּאָ איז געוועזען אזוי פערליעבט אין זיין פרוי, גראדע וויא ער וואָלט נאָך געוועזען א יונגער מאן פון 19 אָדער 20 יאָהר. נינא זעלבסט, האט אויך געליעבט דעם שעהנעם, שטארקען און בראווען מאן, און גראף פערומיני האט מיט רעכט בעמערקט:

— גליקליך איז דער יעניגער, וואס בעגליקט אויף דער עלטער. גליקליך בין איך, וואס מיין עלטער איז אזוי בעשעהנט געוואָרען.

---

## 33.

צוויי וואָכען זיינען פאָריבער זייט דער צייט פון דער הייראטה, און זייט דעם וואס פיליפּאָ, און נינא האָבען אנגעפאנגען צו טרינקען פון דעם זיעסען ליעבעס בעכער.

גראף פערומיני האט דערווייל אָבגעשריעבען זיין גאנצעס פערמעגען מיט זייל טיטעל צו זאמען, אויף זיין איידים מיט זיין טאָכטער.

אין א טאָג, וועהרענד דער גראף, דיא גרעפין, פיליפּא און נינא זיינען געזעסען צו מיטאג, האט פיליפּאָ זיי דערצעהלט זיין לעבענס-געשיכטע, נאטירליך אויף אזוי וויט, וויא דיא עטיקעטע האט איהם ערלויבט. ווען ער האט אנגעפאנגען צו ערצעהלען איבער זיין מוטער, וויא אזוי זיא האט אויסגעמיעדען, אזוי לאנג ניט צו זעהען איהר איינציגען זוהן, זיינען אלע געבליעבען ערשטוינט.

— עס איז אונגלויבליך, האט פיליפּאָ זעלבסט געזאגט, אָבער דאך איז עס וואהר, איך קען דיא אורזאכע ניט בעגרייפען. אונטערדעסען, ווען איך דערמאהן זיך נאך אן מיין מוטער׳ס צערטליכקייט צו מיר, פיללען זיך אן מיינע אויגען מיט טרעהרען. זיא מוז שוין יעצט זיין א פרוי אין דיא עלטערע יאָהרען. זיא איז נאך אימער אליין און איינזאם. איך האָב אלזא בעשלאָסען צו נעהמען מיין נינא׳ן, און צוזאמען וועלען מיר אהין פאָהרען זיא בעזוכען. איך האָף, אז ווען זיא וועט ערבליקען מיין פרוי, וועט דאס זיא פרייען, און זיא וועט זיך טרייסטען מיט איהר זוהן אויף איהרע אלטע יאָהרען.

— דוא האָסט געשפּראָכען וויא א בראַווער זוהן, האט גראף פערומיני בעמערקט.

גאָט וועט דיך בעלוינען פאר דער ליעבע צו דיין מוטער, האט דיא גרעפין בעמערקט זיך ווישענדיג דיא אויגען.

נינא האט ניט געקענט רעדען, זיא האָט נאר אויסגעדריקט איהרע געפיהלע מיט א קוש אויף איהר מאן׳ס ליפּען.

— און ווען דענקסטו אבצורייזען? האט דער גראף געפרעגט.

— אזוי שנעל וויא נאר מעגליך, האט פיליפא געענטפערט.

— ווערסטו פאהרען, נינא? האט דיא גרעפין געפרעגט איהר טאכטער.

— וואוהין מיין מאן פאהרט, פאהר איך אויך, איז געווען איהר ענטפער.

פיליפּאָ האט צערטליך געקושט איהר שעהנע האנד.

גראף פערומיני האט זעלבסט אויסגעשטאטעט א שעהנעם וואָגען מיט פערד פיר זיין טאָכטער און איידעם אויף דער רייזע.

פיליפּאָ האט אבגעשאפט א טהייל פון זיינע אדיוטאנטען און נאָר געלאָזען א קליינע צאהל איהם צו בעגלייטען.

ביז דאמאלס האט נאך פיליפּאָ ניט געהאט געשפּראכען איבער זיין צוקונפט. אבער דער גראף האט געוואלט וויסען וואס ער דענקט צו טהון.

— וואו רעכענסטו צו לעבען מיט דיין פרוי? האט ער איהם נעפרעגט. איך מיין, אז דיא ווילא פערומיני איז גאנץ גוט פאסענד דאפיר?

— וואו נינא'ן וועט בעסער געפעלען, דארט בלייב איך, האט ער געענטפערט. נאר פארלויפיג האב איך מיר געמאכט פאלגענדען פלאן: איך ווייס אז עס זיינען צוריק געבליעבען פיעלע גיטער פון מיין פאטער. מיין פליכט איז דיעזע צו פערוואלטען, איך וויל אויך מיין אלטע מוטער ניט מעהר לאזען אליין. איך וואלט אלזא וועלען וואוינען נעבען פלארענץ, אדער אין פלארענץ זעלבסט, אונטערדעסען וועל איך נאך זעהען וואו נינא'ן וועט געפעלען ווערען.

עס איז אלזא געבליעבען, אז זיי זאלען פארלויפיג אוועקפאהרען צו פאסקארעלא בערטיני און דארטען אבשטאטען דעם בעזוך. ווען פיליפא'ן און נינא'ן וועט זיין אנגענעהם, וועלען זיי דארט פערבלייבען.

## 34

עס זיינען פערהאנדען פערשיעדענע מענשען וואס זארג, ערגערניס און צרות, האבען א קליינע ווירקונג אויף זייער אויסערליכעס ערשיינען. יעמאנד קען טראגען א וואונד אין הארצען, אבער זיין געזיכט זאל ניט דערצעהלען וואס פאר א שטורם־ווינד עס געהט פאר אין זיין זעלע.

פאסקארעלא איז געווען איינע פון דיעזע פערזאנען וואס אינערליכע שמערצען האבען ניט געווירקט אויף איהר אויסערליכעס ערשיינען, אבוואהל זיא איז שוין געווען אריבער די פערציגער יאהרען, און אונגעאכטעט דארויף וואס זיא האט צוגעבראכט דעם גרעסטען טהייל פון איהר לעבען וויא אין א געפענגניס, האט דאס אלעס כמעט גאר ניט געווירקט אויף איהר געזיכט און פיגור.

איהרע אינערליכע ליידען, זיינען נאך אימער געווען פריש, און ניט נאר איינמאל האט זיא געקענט אוועק קניען פאר דיא הייליגע בילדער א האלבען טאג אדער א האלבע נאכט, און איהרע אויגען זאלען ניט אויפהערען צו גיסען מיט טרעהרען. אבער דאס מערקווירדיגע דערביי איז געווען, וואס איהר פרויען־שעהנהייט האט געוואקסען.

אין דער לעצטער צייט, איז זיא אויך דיקער געווארען, און ווען זיא האט זיך אמאל בעטראכט אין א שפיעגעל, האט זיא זיך ניט געקענט העלפען זיך אליין צו בעוואונדערן.

אונטערדעסען איז איהר ווילא געבליעבען אבגעשטויסען, וויא נאך דער וואך פון איהר מאן'ס טויט. ניעמאנד האט בעטרעטען איהר שוועל, אהן איהר פער־

זענליבער ערלויבנים. דיא מענער וואס האבען געהאלטען איהרע גיטער האבען אימער מיט איהר אונטערהאנדעלט פער בריעף, און דאס געלד האבען זיי אריין געשיקט דורך איהר אלטע קעכין, וועלכע האט געשפראָכען מיט דיא בעזוכער דורך א פענסטער אין טויער פון דעם גארטען.

ווען דער אלטער גלח איז געשטאָרבען, האט זיא געשיקט אין א מאָנאסטיר, 12 מיילען ווייט פון איהר ווילא, און געהייסען כען זאל איהר שיקען דעם עלטעס־טען גייסטליכען. דיעזער איז געוועז א מאן פון א יאהר 70, און אָבוואָהל ער האט זיך שוין לעצטענס במעט ניט געקענט ריהרען, האט זיא איהם אימער געהאלטען און קיין אנדערן ניט געוואלט צונעהמען.

עס איז געוועז אין א שעהנעם נאכמיטאג אין דער הערבסט צייט ווען זיל־בער־ווייסע וואָלקענעס האבען זיך געשיפט איבער דעם טיעף־בלויען הימעל און דיא זונן, פון א שוואכען גאָלד־פארב, האט געהאלטען אין זינקען ארונטער און זיך דערנעהטערן צוא דיא הויכע בערג. אלעס איז געוועז שטיל און טרוימעריש; און דיא ווילא בערטיני האט אויסגעזעהען פון ווייטען ווי א פערצויבערטער שלאָס, ד.רך דער שטילקייט און דיא מאסען גרינע צווייגען מיט בלומען וואס האבען אלעס בעדעקט.

איז אזא צייט האט פאסקארעלא געליעבט צו שפאַציערען אין איהר גאר־טען, נאר ווען זיא האט זיך דערמאָהנט, אז איהר לעבען מוז בעשטעהען פון תענתים און פלאגען אום אבצוקומען אויף איהרע זינד, האט זיא גלייך פערלאָזען דעם גאר־גארטען און איז אריין אין איהר צימער וואו זיא האט אנגעפאנגען צו בעטען און איז אזוי פערבליעבען ביז נאך זאנגנאונטערגאנג.

אין דיעזען טאג איז זיא אונטערבראָכען געוואָרען אין מיטען פון איהר בעשלוס.

פון דרויסען, העט וויט, האט זיך געהערט דאס קלינגען פון מעהרערע גלע־קער, וואס האט אנגעצייגט, אז רייזענדע קומען. דאס האט אימער בעוויעזען, אז יעמאנד קומט צו איהר אויף בעזוך, דען דיא ווילא איז געלעגען דערוויטערט פון דעם הויפט־וועג, און קיין אנדערע רייזענדע זיינען דארט ניט פארבייא געפאהרען.

פאסקארעלא איז געבליעבען שטעהען, נייגיעריג, אום צו זעהען אדער הערען ווער איהרע בעזוכער קענען זיין. זיא האט שוין אויך זעהר לאנג קיין בעזוך געהאט, דען נימאנד, זאגאר פרויען, האבען געוואָלט צו איהר קומען און זעהען איהר פער־טרויערטעס געזיכט.

זיא האט געווארט אַנגעפעהר 20 מינוטען צייט, ביז דער וואָגען מיט דיא

גלעקער איז צוגעקומען. יעמאנד איז ארונטער געשפרונגען, צוגעגאנגען צום טויער און אָנגעקלאַפּט.

דיא אלטע דיענסט איז ארויס און געפרעגט:

— ווער איז דארט?

— איך, האָט געענטפערט א מענער־שטימע „מאַכט אויף:

— ווער זייט איהר? האט דיא קעכין נאָך אמאָל געפרעגט.

— געפינט זיך דא גרעפין פאסקארעלא בערטיני?

— יאָ.

— דאן מאכט אויף. איך בין איהר זוהן, גענעראל פיליפּא בערטיני.

דאס מוטער־הארץ אין פאסקארעלא'ן האט באלד אויפגעטאנצט פאר פרייד, אבער דיא עראינערונג אָן דער פערגאנגענהייט האט זיא אויפגעשוידערט, זיא האט אויף'ן פלאטץ געוואלט זאגען, אז דיא דיענסט זאל מיטהיילען אז פאסקארעלא איז נ׳טא, נאָר זיא האט קיין אויסרייד דאפיר ניט געקענט געפינען. דאן האט ױא דיענסט אליין, אויך איבעראשט געעפענט דעם טויער, אָהנע זיא זאל הערען פאס־ק׳רעלא׳ס ענטפער.

35.

דיא הויבע און שטארקע פיגור פון פיליפּא׳ן איז באלד אריין, און אין זיינע ארעם האט ער געפיהרט נינא׳ן. דערזעהענדיג זיין מוטער, האט ער נינא׳ן געלאזט שטעהען און איז צוגעלאפען צו זיין מוטער.

ער האט זיא אומארמט און פאסקארעלא האט געציטערט אונטער איהם.

— מוטער! ליעבע מוטער! האט ער געשריען, — וואס מאכסטו? דער־קענסטו נאך דיין זוהן, וועלבע ליעבט דיך וויא אימער?

זיא האט ניט געקענט ענטפערן און איהרע אויגען האבען זיך אנגעפיל׳ט מיט טרערען,

אויך פיליפּא איז געווען גערירט און מיטגעווײנט מיט זיין מוטער.

ווען ער האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט ער צוגעפיהרט נינא׳ן און געזאגט:

— זעה, מוטער, אָט דאָ שטייט דיין שווינער־טאכטער!

נינא׳ס וואונדערבארע שעהנהייט און אונשולדיגעס געזיכט, האט אויף א קורצע צייט פערטריעבען פאסקארעלא׳ס טרויעריגע געדאנקען פון דער פערגאנגענ־הייט, און זיא האט אומארמט איהר שווינער־טאָכטער און זיא געקושט.

פיליפא האט זיך דערוויַיל דערמאָנט אָן זיינע בעגלייטער, און געהייסען מען זאָל יעדען אבגעבען א קווארטיר, בייא דיזע ווערטער, האט פאסקארעלא׳ס הארץ וועהמוטהיג געקלאפט, נאָר זיא האט זיך צייט געקענט העלפען און ניט געקענט וויעדערשפרעכען איהר זוהן.

דאן איז מוטער, זוהן און שנור אריין אין א זאלאָן, וואו מען האט זיך אוועק געזעצט, און מען האט געפלוידערט איבער דער רייזע, איבער דעם וועטעד און איבער בלומען.

דיא קעכין האט פערשטאנען, אז מען מוז צוגערייטען א גוטען נאכטמאהל, און זיא האט געלאזט שלאכטען א טוץ עופות און אָנגעפאנגען פאָרצובערייטען א טיש, וואס זיא האט שוין ניט געטאָהן זייט פיעלע יאהרען.

— און וויא געפעלט דיר מיין וואהל ? האט פיליפא געפרעגט זיין מוטער, צייגענדיג מיט שטאָלץ אויף נינא׳ן.

— מיך פרייט עס, זוהן, וואס גאָט האט דיר געהאָלפען צו הייראטהען אזא שעהנע פרוי. האט זיא געענטפערט, זיך ווירקליך פרייענדיג מיט זיין גליק.

— און ווייסטו ווער מיין פרוי איז ?

— ניין, פון וואנען זאָל איך וויסען ?

— זיא איז דיא טאָכטער פון גראף פערומיני.

— פערומיני ? יא איך האָב אמאל געהערט פון דיזען עדעלמאן.

— ביסטו ניט שטאָלץ אויף מיר, מוטער !

— יא, מיין זוהן.

— און זעהסטו. האט ער פאָרטגעזעצט, פאר אלעמען מוז איך בייא דיר בעטען אום ענטשולדיגונג, דערפאר וואס איך האב דיר ניט געלאדען צו דער האָכצייט, פערצייהסטו מיר מוטעד !

— יא, פיליפא.

— דאן וועל איך דיר זאגען, אז איך האב דיך גלאט געוואלט איבעראשען. דיא וואהרהייט איז, אז דורך איין אורזאכע, וואס איך קען ניט פערשטעהען, האסטו מיך זעלבסט ניט געוואלט זעהען, אלזאָ האב איך געדעכענט. אז איך וועל אהער קומען מיט נינא׳ן מיט מיין פרוי, און צוליעב איהר וועסטו מיך עמפפאנגען. אך, מוטער ! מיין נינא קען אפילו מלאכים בעצויבערן.

— אך, פיליפא ! האט זיך נינא אריין געמישט, דוא שמייכעלסט מיך גאר צופיעל......

ער האט אונטערבראָכען איהרע ווערטער מיט א קוש אויף איהרע ליפען.

36.

נאכדעם וויא מען האט אַבגעגעסען איז יעדער געגאנגען רוהען, דען פיליפא און נינא, זיינען געווען זעהר מיעד פון דער רייזע.

פאסקארעלא האט ניט געקענט שלאפען, דיא ערשיינונג פון איהר זוהן, אזו אונגעריכט, האט זיא מעהר וויא איבעראשט. זיא איז געווען פערווירט א היבשע צייט, דאן האט זיא אָנגעפאנגען זיך לאנגזאם צו בערוהיגען און איבערדענקען דעם אלגעמיינעם צושטאנד.

דער שמערץ בייא דער עראינערונג פון דער פערגאנגענהייט, איז נאך אימער געוועזען אזוי שטארק וויא פריהער. דאן האט זיא זיך גוט אויסגעוויינט טרערען האבען וויא געוועהנליך געבראכט א לינדערונג צו איהר שמערץ.

— מיין גאט! האט זיא אויסגערופען, — וואס בין איך שולדיג? האב איך דען געוואלט בעגעהען אזא פערברעכען?

זיא האט איינגעגראָבען איהר קאָפּ אין קישען און וויטער געוויינט. דאן האבען אויפצוואכען איהרע מוטערליכע געפיהלע, און דיעזע האבען ערקייכט א זיגג.

— נאך אלעמען, האט זיא זיך געטראכט, איז ער דאך גאָר ניט שולדיג. און איך אליין, האָב שוין גענוג געליטען. עס מוז נעהמען א סוף! גאט אליין קען ניט פערלאנגען, אז פאר אזא אונגערן עבירה, זאל יעדער פון אונז ליידען.

זיא האט זיך אנגעפאנגען פאָרצושטעלען וויא דאס גליק ועט ווידער אויפבליהען; וויא אזוי זיא וועט האבען תענוג פון איהר זוהן, פון איהר שנור....

פון איהר שנור? זיא האט זיא נאך אפילו ניט גוט בעטראכט. זיא האט בלויז בעמערקט א שעהנעם פרויענצימער. אבער ווער און וואס זיא איז, וויא זיא זעהט ריכטיג אויס, האט זיא נאך קיין צייט געהאט צו בעמערקען.

איינגעוויגט אין דער האָפנונג פון דער צוקונפט און מיעד פון דעם פיעלען דענקען און טראכטען, איז זיא איינגעשלאפען.

גאנץ פריה האט יעדער ערוואכט מונטער און פרעהליך. זיא בעגעגענט איהר איהר שוויגער-טאָכטער מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפען, און דאן, איהר ווינשענדיג גוט מאָרגען, האט זיא אָבגעפרעסט א קוש אויף איהר שטערען.

ווארום האט פאסקארעלא אזוי לאנג געקוקט אין נינא׳ס געזיכט? וואס האט זיא דארט געזעהען וואס האט אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט ארויס גערופען? איז דאס געווען איהר שעהנהייט?

אויף דיעזע אלע פראגען, האט זיך פאסקארעלא זעלבסט ניט געקענט, ענט פערן, און דאך, האט עס זיא, וויא א צוויבער געצווינגען צו בליקען אין נינא׳ס הערר־ ליבע געזיכט און שטודירען אלע איהרע ציגע.

פאסקארעלא איז געוואָרען, אונרוהיג עפּעס האט זיא בעמערקט אין נינא׳ס געזיכט, וואס האט פערגליווערט איהר בלוט.

איז דאס מעגליך? אזוי עהנליך! יא, נינא האט געטראָגען א געוואלטיגע עהנליכקייט צו אלעססאנדרא׳ן איהר פערשטאָרבענעם מאן. זיא איז אויך עהנליך געוועזען צו פיליפּא׳ן

אבער דומהייטען, האט זיך פאסקארעלא געטראכט, „זיא" איז דאך גראף פערומיני׳ס טאָכטער? דיא גאנצע וועלט וויס דערפון!

אין דעם האט איהר האַרץ שווער און אונרוהיג געקלאפּט.

מען האט געגעסען פריהשטיק, געפּלוידערט, דערצעהלט פון דער פערגאנגענ־ הייט, און פאסקארעלא, וועלכע האט אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען צו זיין רוהיג, זיא איז דאך אויפגערעגט געוואָרען ווען זיא האט א קוק געגעבען אויף ניינא׳ס געזיכט.

---

37.

עס איז פאַראיבער א טאָג און צווייא, און פאסקארעלא׳ס אונרוהע האט געשטיענגען.

— ווער איז מיר האט זיא אין א מאָג צו זיך אליין געזאָגט, — ווען דאָס זאל וואהר זיין? ווען נינא זאָל......

אבער זיא האט ניט געוואָגט ווייטער צו רעדען. עס איז געווען צו שרעקליך, צו שוידערהאפט דאריעבער זאָגאר צו דענקען.

דאן האט זיא זיך דערמאָהנט אָן דעם אלטען גייסטליכען. וואס האט בייא איהר אוועק גענומען דאָס קינד.

וואוהין האט ער עס געטראָגען? וואָס האט ער דערמיט געטהאָן? וואס איז דערפון געוואָרען.

זיא האט געדענקט אז דאס קינד איז געווען א מיידעל. דער גייסטליכער איהר הטט אבער קיינמאָל ניט דערצעהלט צו וועמען ער האָט דאָס קינד אוועק געגעבען.

און דאָך, איז עס געלעגען אין איהר מעגליכקייט דאָס אלעס צו וויסען. דאָרט, אויבען אין איהר שלאָף־צימער, אין דעם שווארצען שראנק, איז געלעגען

דער דאָקומענט, און אין דאָקומענט, איז געווען בעגראבען דאס געהיימניס, אזוי פיעל יאהרען זיינען פאָראיבער, און זיא האט זאָגאר ניט געוואגט צו בעריהרען דעם דאָקומענט.

זאל זיא עס יעצט טהון ? זאָל זיא יעצט ארונטער רייסען דעם שווארצען שלייער פון דער פינסטער ער פערגאנגענהייט ? און וואס וועט דאמאלס זיין ?

זיא האט אויפגעציטערט.

— ווען עס זאל זיך ארויס ווייזען, אז נינא איז מיין און זיין......

זיא האט ניט געוואגט צו דענקען ווייטער. און דאך, מוז איינמאָל פאר אלע מאָל, געווארפען ווערען א ליכט איבער דיעזער שרעקליכער פערצווייפלונג. זיא מוז וויסען, זיא מוז ערפאהרען פון אלעס און איבער אלעמען וואס דער גייסטליכער האט געטהאן מיט איהר קינד.

— געוויס איז דאס ניט נינא. האט זיא געזאגט זיך טרייסטענדיג. עס איז נאר מיין זינדיגע פאַנטאזיע וואס שרעקט מיך. און אום מיך צו בערוהיגען, מוז איך מיך איבערצייגען. עהנליכקייט שפיעלט קיין ראָלע. וואס מאכט עס אויס ? פיעלע מענשען זיינען זיך עהנליך, און דאך זיינען זייא גאר קיינע פערוואנדטע....

זיא האט זיך ערשראָקען פאר דעם שריט אום צו זעהען וואס אין דעם דאָקומענט שטעהט געשריעבען, אבער עס האט אנדעריש ניט געקענט זיין. זיא האט זיך געמוזט בערוהיגען.

נאָך אין דערזעלבער צייט, ווען אלעס אין דער ווילא איז שוין געשלאָפען און ניעמאנד האט געזעהען וואס פאסקארעלא טהוט. איז זיא ארויס פון בעט, אזוי וויא א גנב, און איז צוגעגאנגען צום שווארצען שראנק. ער איז געווען פערשלאָסען, זיא האט גענומען דיא שליסלען, אויפגעזוכט דעם פאסענדען שליסעל און געעפענט דעם שראנק.

אביסעל שמויב אויף דעם דאָקומענט, איז געווען דיא איינציגע ענדערונג וואס איז איינגעטרעטען זייט פיעלע יאהרען.

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר ציטערענדע האנד און ארויס גענומען דעם דאָקומענט. זיא איז צוגעגאנגען צום לאָמפּ, און אין איהר אופרעגונג, איז זיא ניעדער געזונקען אין א שטוהל. נאָך א היבשע פויזע, האט זיא געעפענט דעם דאָקומענט.

זיא האט וויעדער דערקענט דעם אלטען גייסטליכען'ס האנדשריפט. זיא איז געווען ניט קיין שעהנע האנדשריפט, און עס האט זיך דערקענט, אז איין אַלטע און ציטערענדע האנד האט דארטען געשריעבען, אבער אלעס איז געווען קלאָר און דייטליך.

פאסקארעלא האט געוואלט צומאכען צוריק דעם דאָקומענט, אבער זיא האט ניט געקענט.

פאָלגענדעס האט זיא דאָרט געלעזען:

„צו מיין אונגליקליכער טאָכטער פאסקארעלא.

„וויסענדיג, אז דוא ווערסט אמאָל נייגיעריג זיין צו ערפאהרען וואס עס איז געוואָרען פון דיין אונגאטירליכער טאָכטער. האב איך בעשלאסען דיין נייגיערינקייט צו בעפריעדיגען דורך דיעזען כתב.

„איך האב דאס קינד ניט געקענט לאָזען פערהונגערן אדער אומקומען. עס איז אמת, דאס קינד איז געקומען אויף דער וועלט, ניט כדרך הטבע. אבער פערגעס ניט, אז דאס איז אלץ געווען גאָט'ס ווילען. ווען גאט וואלט עס ניט געוואלט וואלט עס ניט געשעהען.

„דוא ווערסט אליין בעגרייפען, טאָכטער, אז עס איז געווען מיין פפליכט אויף דעם קינד אכטונג צו געבען.

„אזוי וויא דוא האסט זיא געבראכט אויף דער וועלט, האב איך באלד וואָרט געהאלטען און זיא פון דיר אוועק גענומען כדי צו לינדערן דיינע שמערצען. איך האב זיא אוועק געפיהרט אין דעם נאָנען־קלויסטער געבען צ. זיא איז איבערגעגעבען געווארען צו דיא הייליגע שוועסטער מיט דעם אויפטראג צו ערציהען אלס א גוטע און פרומע קריסטין און זיא זאָל איהר גאנצעס לעבען ניט פערלאָזען דעם קלויסטער.

„אבער, דוא ביסט איין עדות. אז עס איז ניט אזוי וויא דער מענש וויל. ווען גאט וויל אנדעריש, קען מען געגען זיין רצון ניט געהען.

„נאכהער וויא איך האב אוועק געגעבען דאס קינד האב איך מיך שוין מעהר אום קיין זאך בעקימערט, וויסענדיג. אז איך האב געטהאן מיין פליכט און דיין געהיימניס איז אין זיכערע הענד. עס זיינען פאראיבער 6 מאָנאט און מיין געזונדהייט. וויא דוא קענסט געדענקען, האט מיר ניט ערלויבט צו פערלאזען מיין וואָהנונג, און בעזוכען, וויא מיין שטיינער איז געווען, דיא קלויסטערס און טאָנאסטירען פון דער אומגעגענד.

„ויהי היום, ווען גאט האט מיר ווידער געגעבען כח איהם צו דאנקען, בין איך ארויסגעפארען אין דער געגענד פון דעם נאָנען־קלויסטער אין צ. און איך האב זיך בעגעגענט מיט דער שוועסטער וואס האט פערוואלטעט דעם קלויסטער.

„בייא דיעזער געלעגענהייט, האב איך זיא געפרעגט וואס דאס קינד טהוט, וועלכעס איך האב איהר איבערגעגעבין. זיא האט מיר דערצעהלט, אז דאס קינד

איז שוין דארט נימא, נאך מיט 2 טעג שפעטער, פון דער צייט וואס איך האב זיא אהין געבראכט. איך האב אנפאנגס געמיינט, אז גאט האט זיא צוגענומען און איך האב געבענשט זיין נאמען דערפאר.

„דיא שוועסטער האט מיך אבער אונטערבראכען און דערציילט. אז דאס קינד לעבט און איז געזונד און וועט ערצויגען ווערין אין גרעסטען גליק.

— עס איז שוין בעשערט פון גאט, אז אלעס ארום דיעזען קינד, זאל זיין פערבונדען מיט געהיימניסע. דארט וואו זיא געפינט זיך, איז נאך א געהיימניס, נאר וויסענדיג, אז דאס געהיימניס וועט פון מיר ניט פערראטהען ווערען, האט דאס מיר דיא הייליגע שוועסטער פערטרויט. און נאכדעם וויא איך וויים, אז דוא וועסט אויך דאס געהיימניס ניט פערראטהען, וועל איך דיר אלזא דערצעהלען וואו דיין טאכטער געפינט זיך.

— דיא נעשיכטע דערפון איז אזוי געוועזען: איך דענק, אז דער נאמען פערו־מיני, איז דיר בעקאנט. דיעזען נאמען טראגט איינער פון איטאליען׳ס רייכסטע אדעליגע מענער. ער איז פערהייראטעט מיט זיין פרוי 17 יאהר, און אבוואהל זיא האט איהם געבארען עטליכע קינדער, לעבט דאך קיין איינציגעס. דיא גרעפין, פע־רומיני וועלכע האט לעצטענס געשוואנגערט, האט געבארען א מיידעל. אימער איז דאס קינד געשטארבען איידער עס איז אלט געווארען 24 שטונדען, נאר דיעזעס מאל, האט דאס קינד געלעבט איבער 48 שטונדען און איז ערשט דאן געשטארבען.

— דיא גרעפין האט געוואוסט, דאס ווען איהר מאן וועט ערפאהרען, אז נאך אלעמען איז איהר לעטצטעס קינד דאך געשטארבען, וועט דאס איהם טרייבען צור פערצווייפלונג. זיא האט אלזא בעשלאסען ניעמאלס צו ענטדעקען פאר איהר מאן אז דאס קינד איז טויט.

— גרעפין פערומיני האט געשיקט רופען איהר גייסטליכען און זיך מיט איהם בעראטהען וואס עס איז צו טהון. זיא האט געוואוסט אז ער איז בעקאנט מיט קלויס־טערס וואו עס געפינען זיך קינדער צום ערציהען, און האט פון איהם פערלאנגט אזא קינד.

— דער גייסטליכער, וויסענדיג פון א קינד, א מיידעל גראדע אזוי פיעל אלט, וויא איהר קינד, אין דעם קלויסטער פון צ. איז ער אהין אוועק ביי נאכט און גע־בראכט דאס קינד.

— גרעפין פערומיני האט דאס קינד צוגענומען און איהר א נאמען געגעבען נינא. זיא איז א פאלקאמען געזונדעס קינד, און ווען זיא וועט לעבען, וועט זיא זיין דיא יורש׳טע פון גראף פערומיני׳ס פערמעגען און טיטעל.

38.

זיך פאַרצושטעלען דעם איינדרוק וואס דיעזער דאקומענט האט געמאכט אויף פאסקארעלא׳ן, איז אונזער פעדער ניט אימשטאנדע.

זיא האט דעם דאָקומענט עטליכע מאָל ארויסגעלאָזען פון איהר האנד און איהם עטליכע מאל אויפגעהויבען, ביז זיא האט איהם אין גאנצען דורכגעלעזען.

ווען זיא האָט געגרייכט ביז צו דער שטעלע וואו דיא שוידערהאפטע וואהר־היים איז ענטדעקט געוואָרען, האט זיא ארויסגעלאָזען א געשרייא וויא פון א שטערבענדען.

— זיא איז עס! האט פאסקארעלא געמורמעלט וועהרענד איהרע אויגען האבען וויא געוועהנליך געוואָלט ארויסשפרינגען פון איהר קאָפּ. זיא מיין טאָכטער און זיין טאכטער, איז אויך זיין פרוי... אוי, אוי, דער טייפעל האט דאָ געשפּיעלט זיין ראָלע אויסגעצייכענט, ווען ער האט געמאכט אזא פערמישונג, וואס גאָט זעלבסט וועט מעהר ניט קענען אויסלייטערן.

זיא איז נאכהער געבליעבען זיטצען וויא געלעהמט און געבליקט מיט איהרע אויגען אין דער לופט, אהנע צו וויסען וואס זיא זאָל ווייטער טהון.

וויינען האט זיא מעהר ניט געקענט. טרעהרען האבען זיא שוין אויך ניט גע־קענט טרייסטען. דאן האט זיא ווידער אנגעפאנגען צו טראכטען, און פלוצלונג האט זיך בעוויזען אויף איהר געזיכט א ווילדע און פערצווייפעלטע מיענע.

עס האט אויסגעזעהען אז זיא האט געפאסט א בעשלוס.

זיא האט זיך אויפגעהויבען פון איהר שטוהל און איהר קערפער האט געצי־טערט. איהר געזיכט איז געווען בעדעקט מיט א קאלטען שוויים.

— און דיעזע פעראייניגונג, האט זיא געמורמעלט, וועט ווידער ברייגגען קינדער אויף דער וועלט? ניין, ניין, דאס טאָר ניט זיין און וועט ניט זיין! וויא זאל איך דאס פערהינדערן? איך שפּיעל שוין מעהר קיין ראָלע. ווען איך זאָל איהם דערצעהלען דיא גאנצע וואהרהייט, דאן וועט ער ניט גלויבען, ער וועט מיך ערקלערען פאר משוגע. איין אנדערעס מיטעל מוז אנגעווענדעט ווערען; יא, איין אנדערעס מיטעל, אונבעדינגט זיא איז צוגעגאנגען צו דער טהיר, געעפענט לאנגזאם און איז אריין אין קאָרידאָר.

דאָרט איז געווען פינסטער, נאר פאסקארעלא האט גוט געקענט דעם וועג און איז ווייטער געגאנגען אונגעשטערט. זיא איז ארונטער דיא טרעפען און איז

אריין אין קיך. זיא האט עפעס דארט געזוכט אין דער פינסטער. און נאך איינינע מינוטען צייט, האט זיא דאס געפונען.

זיא איז דאן ארויס פון גארטען. דיא לבנה האט שטיל און מילד געשיינט און געבילדעט א מערקווירדיגען קאנטראסט פון רוהיגקייט געגען דער שטירמישער ברוסט פון פאסקארעלא'ן.

ווען פאסקארעלא האט זיך אומגעווענדעט, האט דיא לבנה אבגעשלאגען איהר גלענצענדעס ליכט אין א בלאנקען געגענשטאנד וואס זיא האט געהאלטען אין איהר האנד.

פאסקארעלא האט געהאט א מעסער.

זיא איז דאן ווייטער געגאנגען, דורך דער צווייטער זייט, וואו שטיין־טרעפען האבען ארויף געפיהרט אין דעם שלאף־צימער פון פיליפא מיט נינא'ן.

לייכט וויא א קאטץ, האט זיא בעטרעטען דיא טרעפען, דאן געעפענט איין טהיר און ארויף אין א ברייטען פאר־זאאל. פון דארט האט זיא זיך אומגעווענדעט לינקס און געגרייכט א צווייטע טהיר.

דיא טהיר איז געווען צוגעמאכט. א דריק בייא דער קלאמקע, האט דיא טהיר געעפענט.

פאסקארעלא איז געבליעבען שטעהען געגענאיבער דעם בעט, וואו פיליפא מיט נינא'ן זיינען געשלאפען.

נינא איז געלעגען נעבען דער וואנד, און פיליפא האט געהאלטען א האנד איבער איהר, גלייך וויא ער וואלט זיא דערמיט געשיצט.

פאסקארעלא איז געווען ענטשלאסען. זיא איז צוגעגאנגען צום בעט, אויפגעהויבען דעם מעסער און געזוכט נינא'ס ווייסען האנד.

גראדע דאמאלס האט נינא אויסגערופען פיליפא'ס נאמען.

פיליפא מיט דעם לייכטען שלאף פון א פארזיכטיגען סאלדאט, האט באלד ערוואכט.

פאסקארעלא האט זיך זעהר שנעלל ארונטער געבויגען צו דער ערד.

זיא איז אזוי געשטאנען איינינע מינוטען, אבער אנשטאט אלעס זאל זיך ווידער בדרוהיגען, האט פיליפא און נינא אנגעהויבען צו ערוואכען, אהנע מעהר צייט צו פערליערען, האט זיא שנעל פערלאזען דאס צימער.

איהר פלאן צו ערמארדען נינא'ן איז איהר ניט געלונגען.

— אבער זיא זאל ניט לויז ווערען. האט זיא געברומט. ניין, זיא טאר ניט לעבען ! זיא טאר ניט עקזיסטירען.

39.

דיא לעצטע עטליכע טעג, האָבען אויף פאסקארעלא'ן מעהר געווירקט וויא דיא אלע יאָהרען פון יסורים און חרטה. איבערהויפט האט דיא לעצטע נאכט זיא געעלטערט מיט 20 יאָהר. זיא האט ניט נאָר אויסגעזעהען בלאס, זאָנדערן אייניגע קנייטשען פון אלטקייט, האבען זיך אָבגעלעגט אויף איהר געזיכט און שטערען.

פיליפא איז געווען זעהר בעזאָרגט אום זיין מוטער, און ער האט געבען איהר ניט אָבגעטרעטען.

— וואס פעלט דיר מוטער, מוטער? האט ער געפרעגט.

— גאר ניט, האט זיא געענטפערט מיט א געצוואונגענעם צערטליכקייט,

— דוא ביסט דאָך אזוי בלאס?

— עס וועט פאָראיבער.

ער האט זיא גענומען אין ארעם און ארויס געפיהרט אין גאָרטען אום צו געניסען אביסעל פרישע לופט. נינא איז אויך באלד נאכגעקומען און זיך אויך גע־זעצט נעבען זייא, נעהמענדיג א גרויסען אָנטהייל אין איהר שווינער־מוטער'ס לײדען.

— זעה נאר, נינא, האט פיליפא געזאגט. וויא פערענדערט דיא מוטער איז געוואָרען זייט מיר זיינען אהער געקומען.

נינא האט ניט געוואוסט וואס צוא ענטפערן, און זיא האָט נאָר ערמונטערט פאסקארעלא'ן זיך צוא דערצו שטארקען, און גאָט וועט איהר געווים העלפען, אז עס וועט איהר בעסער געהען.

פיליפא וואָלט ניט אוועק געגאנגען אין יענעם טאָג פון נעבען זיין קראנקער מוטער, נאָר ער האט געהאָט צו בעענטפערן מעהרערע וויכטיגע בריעף נאָך רוים, און ער האט זיינע מיליטערישע פליכטען ניט געקענט פערנאכליסען.

— בלייב דאָ, נינא, נעבען דיא מוטער. האָט ער געזאגט „ביז איך וועל פערטיג ווערען מיט דיא בריעף".

— וואוהין געהסטו, האט איהם פאסקארעלא געפרעגט.

— אזוי שנעל וויא איך וועל פערטיג ווערען קום איך צוריק.

— און נינא בלייבט דאָ? האט פאסקארעלא געפרעגט וועהרענד איהרע אויגען האבען אויפגעגלאנצט.

— יאָ, מוטער. איז עס דיר אנגענעהם?

— זעהר אָנגענעהם מיין זוהן. האט זיא געענטפערט. געה צו דיין ארבייט

און נינא וועט בלייבען נעבען מיר. שיק אויך ניט קיין אנדערן אהער. איך וויל ניט געשטערט ווערען. כל-זמן נינא איז דאָ דארף איך קיינעם.

פיליפא האט געקושט זיין מוטער און איז אוועק.

נינא האט גערעדט, דערצעהלט און אלץ געוואלט אויפמונטערן איהר שוויגער-מוטער.

פאסקארעלא איז געזעסען און זיא בעטראכט אהנע צו רעדען א וואָרט. פלוצלינג האָט זיא געזאָגט.

— נינא, זייא אזוי גוט און זעה וואס מיך שמערצט דאָ אויף דער פלייצע.

פאסקארעלא האט איהר געצייגט מיט דער האנד אויף'ן שולטער און נינא, אום צו ערפילען איהר וואונש, האט זיך צוגעבויגען זעהען וואס דאָרט איז.

אזוי שנעל וויא נינא האָט אוועק געבויגען איהר קאָפּ. האט פאסקארעלא ארויס געצויגען א מעסער פון איהר בוזים, און אָנכאַפּענדיג נינא'ן ביים קאָפּ, האָט זיא איינגעגראָבען דאס מעסער אין איהר ווייסען האלז, און דער שניט איז געווען אזוי טיעף, אז זיא האט איהר כמעט דעם גאנצען קאָפּ אָבגעשניטען.

א שטראָם רויטעס און ווארעמעס בלוט האָט געפלאָסען וויא פון א קוואל און בעשפריצט פאסקארעלא'ן און דאס גרינע גראָז.

ווען פאסקארעלא האט זיך אומגעקוקט, איז שוין נינא געווען טויט. אויף איהר געזיכט איז בלויז געווען אויסגעדריקט ערשטוינען און שרעק.

דיא ארמע נינא האָט אפילו קיין צייט ניט געהאט אויסצושרייען. זיא איז געשטאָרבען גאנץ אונערווארטעט.

ווען דיא טהאט איז געווען פאָראיבער, האט זיך פאסקארעלא געשפירט פאָלקאָמען צופריעדען און בערוהיגט.

— זייער פעראייניגונג, האט זיא געמורמעלט. וועט שוין מעהר קיינע פריבטע טראָגען.

— זיא האט זיך אויפגעהויבען פון נעבען איהר טויטע טאָכטער און געמאכט עטליכע שריט פאָרווערטס.

פיליפא האט געוואָלט עפּעס אָנזאָגען זיין פרוי און ער האט פערגעסען. ער האָט אלזאָ צוריק געקעהרט איהר זאָגען, נאָך איידער ער האט זיך געזעצט שרייבען.

ווען פאסקארעלא האט איהם ערבליקט איז זיא געבליעבען שטעהן אין שאטען פון א בוים.

— אַך, מוטער! האט ער אויסגערופען, וואו איז נינא?

— נינא איז טויט. האָט זיא געמורמעלט.

— וואס רעדסטו, מוטער ? האט ער געפרעגט זיך ניט געוויבענדיג.

— מיין מעסער האט איבערגעשניטען איהר האלז, און זיא איז טויט-

מיט א האלבע מינוט שפעטער האט פיליפא זיך איבערצייגט אז זיין מוטער האט געזאגט דיא וואהרהייט.

.......................................................................

ניעמאלס האט פיליפא ערפאהרען דיא אורזאכע פון דער שרעקליכער טהאט. יעדער האט ערקלערט פאסקארעלא'ן פאר משוגע. עס איז אויך ניט געקומען דערצו מען זאל אונטערזוכען אויב זיא איז משוגע אדער ניט. זיא איז מיט 9 טעג נאך דער שרעקליכער טהאט, געשטארבען אין א געפעננים.

פאר איהר טויט, האט פון איהר גלח געהערט אזא וידוי, וואס האט איהם ערשטוינט, איבערראשט און פערווירט.

פאסקארעלא איז געשטארבען אלס אפפער פון אומשטענדען, איינבילדונג און רעליגיעזען ווילדען פאנאטיזמוס.

ע נ ד ע.

## דיא נייעסטע ווערק פון
## טאנענבוים'ס פעדער

# דאס בעסטע מייסטערווערק
# פון דעם גרויסען שריפטשטעלער

דיא געלונגענסטע ערצעהלונג וואס טאַנענבוים האט געשריעבען

# האדשי סטאווראס

## דער רויבער הויפטמאן

א וואהרע געשיכטע וואס האט פאסירט פאריגען יאהרהונדערט אין גריעכענלאנד
און האט געמאכט שטורמען דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט.

חאדשי סטאווראס אדער „דער ניט-געקרוינטער קעניג" — וויא דער פערפאסער
רופט איהם, האט מיט זיינע מערקווירדיגע רויבעריי̈ען אויפגערייצט אייניגע רעגיע-
רונגען געגען זיך. עס האט געקאכט איבער איהם אייניגע יאהר אין גאנץ אייראפא

## חאדשי סטאווראס

איז איינע פון דיא אינטערעסאנטעסטע ערצעהלונגען מייסטערהאפט געשילדערט,
זעהר בעלעהרענד, און העכסט אמוזאנט.

דער פערפאססער פון דיעזעס ווערק פיהרט אייך אוועק אין א גאנץ אנדער וועלט
מיט אנדערע מענשען, אנדערע טיפען, אנדערע כאראקטערע און ער שטעלט אייך
פאר אזעלכע אינטערעסאנטע בילדער און סצענען פון וועלכע אייער גייסט ווערט
רייכער אייער דיינקונגס-קראפט טיעפער און אייער פערשטאנד קלוגער.

**דאס גאנצע ווערק קאסט בלויז 10 סענט מיט פארטא 12 סענט.**

פערלאג פון

# ב. ראבינאוויטץ,

**398 גרענד סטריט, ניו יארק.**

# לא תרצח

א ווערק איבער „וועגעטאריאניזם“ איבערזעצט פון זיין ווערק אין ענגלישביי

# א. ה. פריינקעל.

## וואס איז „וועגעטאריאניזם“?

„וועגעטאריאניזם“ הייסט ניט עסען קיין פלייש, פיש און אלעס וואס האט אין זיך פריהער געהאט א געפיהלפאללען לעבען.

ווארום זאל מען ניט עסען קיין פלייש?

איז פיש אדער פלייש געזונד פיר דעם מענשען?

וועלכע שפייזען זיינען יא געזונד פיר דעם מענשען?

דיעזע פראגען און נאך פיעל וויכטיגע אבהאנדלונגען וועט איהר ערפאהרען ווען איהר וועט דורך לעזען דיעזעס בעריהמטעס ווערק.

## דער ערשטער טהייל „לא תרצח“

האט געמאכט זעהר א גרויסען ערפאלג ביי אלע אידען אין דער גאנצער וועלט, דיא נאכפראגען זיינען אזוי גרויס אז איך האב בעשלאסען יעצט ארויסצוגעבען דעם

# צווייטען טהייל „לא תרצח“

## דער צווייטער טהייל

איז זעהר אינטערעסאנט, וויכטיג און בעלעהרענד און איך האפפע אז דער צווייטער טהייל וועט אהנע צווייפעל מאכען דעם גרעסטען סוקסעס ביי אלע קלאססען לעזער.

דער ערשטער טהייל „לא תרצח“ קאסט 10 סענט.

דער צווייטער טהייל „לא תרצח“ קאסט 15 סענט.

ביידע טהייל צוזאמען שיק איך פיר 25 סענט פארטא פרייא.

צו בעקומען אין אללע בוכהאנדלונגען אויך ביים פערלעגער

# ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד ניו יארק.

# אוריאל
# אקאסטא
## א היסטארישער ראמאן
בעארבייטעט נאך דיא בעסטע היסטארישע קוועלען פון
## יאהאן פאליא.
## אוריאל אקאסטא
איז איינער פון דיא גרעסטע מענער וואס אידען האבען געהאט.
## אוריאל אקאסטא
איז איינער פון דיא גרעסטע דענקער און פהילאזאפען.
## אוריאל אקאסטא
איז געוועזען דער ערסטער און גרעסטער קעמפפער פון פאנאטיזמוס און אבערגלויבען.
## אוריאל אקאסטא
איז דיא גרעסטע דראמא וועלכע ווערט געשפיעלט אין דיא וועלט טהעאטערע.
## אוריאל אקאסטא
איז בעארבייטעט אין א ראמאן און איז דאס גרעסטע מייסטערווערק אין דער אידישער ליטעראטור.
## אוריאל אקאסטא
איז בעארבייטעט נאך דיא בעסטע היסטארישע קוועלען פון דעם בעריהמטען אידישען זשורנאליסט יאהאן פאלייא.

דאס גאנצע ווערק קאסט 10 סענט, מיט פארטא 12 סענט.

פערלאג פון

## ב. ראבינאוויטץ,
398 גרענד סטריט, ניו יארק.

# מאדאם באבעטא

איז דאס בעסטע ווערק פון אלע וועלכע זיינען דיא גאנצע צייט ערשיענען.

## מאדאם באבעטא

איז געשריעבען פון גרויסען איטאליענישען קלאססיקער

## באקאטשיא

וועלכער האט זיך אונשטערבליך געמאכט אין דער וועלט ליטעראטור.

באקאטשיאס ווערק זיינען פערבאטען אין אללע שפראכען,

ווייל זיי זיינען געשריעבען מיט דעם גרעסטען פייער פון

ליעבע, אייפערזוכט און מארד.

## ד. מ. הערמאלין

דער גרויסער אידישער שריפטשטעלער און דראמאטורג האט בעארבייטעט דיעזעס ווערק אין אידיש און האט זיך דיא גרעסטע מיהע געגעבען אז עס זאל געפעלען אלע קלאססען לעזער

## איהר וועט פאזיטיוו הנאה האבען

צו לעזען „מאדאם באבעטא" אין אידיש און זעהן מאדאם באבעטאס בילד אויפ'ן קאווער.

## מאדאם באבעטא'ס בילד

איז א קונסט בילד געצייכנעט פון א גרויסען קינסטלער, וועלכער האט בעקומען צעהן טויזענד דאללאר פיר דיעזען בילד.

דאס גאנצע ווערק מיט'ן בילד קאסט 10 ס. מיט פארטא 12 סענט.

פערלאג פון

## ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

# פרעזענטען

## סדורים, חומשים, מחזורים

מיט ענגלישע און דייטשע איבערזעצונגען פענסי געבונדען אין מאראקקא לעדער

סעלולאיד און בײנענע בענדער

מיט קראנען בעזעצט מיט פעריל מוטטער פײנגאלד געגילט

## ענגלישע בײבעלס

## ברײדעל (חתונה) בײבעלס

געבונדען אין טהײערסטען זייד געשטיקט מיט דיא טהײערסטע בעפוצונגען.

## פאמיליע בײבעלס

מיט דיא שעהנסטע ביבלישע איללוסטראציאנען

## אידישע היסטאריעס אין ענגליש און דייטש.

## טליתים זיידענע און וואלענע.

## עטרות גאלד און זילבער.

## אידישע מוזיק פיר פיאנא און וויאלין

ווערטערביכער און לעהרביכער אין אלע שפראכען.

## קלאססישע ווערקע,

שעקספיער, שיללער, געטהע, הײנע, בערנע, מילטאן, קיפלינג, לאנגפעלאו

אלעס צו דיא ביליגסטע פרײזען

## ב. ראבינאוויטץ, בוכהענדלער,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

די גרעסטע אידישע

# בוכהאנדלונג

— און —

# פּאבלישינג הויז

— פון —

# אידישע ביכער

— און —

# אידישע מוזיק

דער גרעסטער אויסוואהל פון אלערהאַנד לעהרביכער
ווערטערביכער אין אלע שפּראכען.

אין האלסייל און ריטייל

# ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

פון דער געוועזענער פירמא קאַצענעלענבאגען און ראבינאוויטץ.

# B. Rabinowitz

398 Grand Street, New York.

# שנה טובה קארטען

דיא שעהנסטע און נייעסטע סטיילס בעקומט איהר צו דיא
ביללינגסטע פרייזען אין האלסייל און ריטייל ביי

## ב. ראבינאוויטץ,

## 398 גרענד סטריט 398

אימפארטירטע שנה טובה קארטען מיט קינסטליכע בלומען. גאלד
געדרוקט אויף דיא טהייערסטע זיידען פאפיר, סעלולאידביינער,

## שנה טובה קארטען

וועלכע עפענען זיך מיט מענטשעלאך, קליינע מלאכים'לאך, טויבען, פייגעלאך, שיפען
בלומען פון דיא גרעסטע קינסטלער אין אייראפא

## שנה טובה קארטען אין באקסעס

שולען מיט ספר תורה'לאך, שיפען, מגן דוד'ס, אויסגעארבייט פון דעם טהייערסטען
סעלולאיד בעפוצונגען פון דיא שעהנסטע זייד און אטלעס גאלד פיינטינגס מיט'ן
האנד געצייכענט דיא לייטעסט סטיילס פון $1,20 א דאזען ביז $3 א שטיק.

## לשנה טובה תכתבו

בריעף בויגענס, ראבבער קארטען, פליין קארטען סינגעל פרינזש קארטען, דאבעל
קארטען מיט דיא שעהנסטע בילדער, גאלד קארטען, פוללינגס, פאלדערס,
סילק קארטען.

**ווענדעט זיך דירעקט צו מיר און איהר וועט פיעל געלד שפארען.**

קאנטרי ארדערס מיט א דעפאזיט ווערדען פינקטליך בעזארגט.

# B. RABINOWITZ,

## 398 Grand Street, New York.

בײ ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סט., ניו יארק

איז דער איינציגער פלאץ פון אללע

# אידישע מוזיק

## פיר געזאנג פיאנא און וויאלין

פון דיא פאפולערסטע אידישע אפעראס און

## סקארבאווע נגונים

שולמית, בר כגבבא, דיא צויבערין (קאלדוניו), אחשורוש, מליץ יושר, גיהנום און גן עדן, עקדת יצחק, דוד׳ס פיעדעלע, קעניג ליער, רוססאטטאס דרייפוס מארטש, בליהמעלע, כחרי, המן דער צווייטער, דיא עקידה, דער אידישער מארטירער, מן המצר, פעריאמערט פערקלאגט, מאררים ראזענפעלדס פאלקס-ליעדער, צונזערס אידישע פאלקס-ליעדער, גאלדפאדענס פאפולערע טהעאטער ליעדער, מאנולעסקא׳ס אמת אידישע קופלעטען, רייגנאלדס ארבייטער ליעדער, א. ז. וו. א. ז. וו. סקארבאווע נגונים, דער אריגינעלער ארטהאדאקסישער כל נדרי, פון ה. א. רוססאטטא, ונתנה תוקף, בראש השנה, ברכת כהנים א. ז. וו.

---

פאדערט נור דיא אבענגענאנטע אידישע אפעראס ארראנזשירט בײא דעם בעריהמטען אידישען מוזיקער און קאמפאזיטאר

ה. א. רוססאטטא.

ווייל זיי זיינען ריכטיג אררענזשירט און זעהר שעהן געדרוקט.

פערלאג פון

# ב. ראבינאוויטץ

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

B. RABINOWITZ, Publisher.

398 Grand Street, New York.